STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02674

DOS YUDISHE ASHIRES IN PALESTINA

Abraham Isaac Buchbinder

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאס

יודישע עשירות

אין פאלעסטינא

מאטעריאל צו דער היסטאריע

פון ישוב ארץ ישראל

פון

אברהם יצחק בוכבינדער.

הזכות נמכר לצמיתות להר"ד שוכמאהן.

ווילנא

שנת תרנ"א לפ"ק

ЕВРЕЙСКОЕ БОГАТСВО
въ Палостинѣ
Сост. А. И. Бухбиндеръ.

1891.

Дозволено цензурою. — 26 Іюня 1891 г. Кіевъ.

ВИЛЬНА.
Типографія Вдовы и братьевъ Роммъ.
Жмудскій переулокъ собст. домъ № 328.

דאס יודישע עשירות

אין פאלעסטינא.

א

איידער מיר וועלען צוטרעטען צוא דער ארבייט, צוא בעשרייבען דיא געשיכטע פון דיא יודישע קאלאניען אין ארץ ישראל אונ צוא גלייך דעם שטאנד זייערן אין וועלכען זייא געפינען זיך איצונד, האלטען מיר פאר ניט איבעריג צוא ריידען אפאר ווערטער איבער דער בעוועגונג צוא דער אידעע פון ישוב ארץ ישראל אליין, צוא בעטראכטען וועלכע אורזאכען עס האבין אונז ארויס גערופען צוא דער בעוועגונג, אונ דורך וועלכע מיטלען עס איז געלונגען דיא חובבי ציון זייא זאלען זיך אלע פאראייניגען אונטער דעם בונד פון אחדות.

דער געדאנקן, צוא גרינדען יודישע קאלאניען אין ארץ ישראל, איז אייגענטליך נישט קיין נייער צווישען יודען, דען נאך צוריק מיט עטליכע צעהנדליגע יאהרען האבין דאס שוין געדענקט אונזערע ברידער אין נארד-דייטשלאנד, וויא למשל די געריהמטע גאונים ר׳ צבי הירש קאלישער אונ ר׳ אליהו גוטמאכער זצ״ל, אונ נישט נאר געדענקט נאר זייא האבין אויך טאקי געטאהן פאר דער אידעע, דען זייא האבען געגרינדעט אבאזונדערע חברה וועגען דעם ציעל אין דער שטאט פראנקפורט אם מאין. אונ אבוואהל דיא חברה האט זיך לאנג נישט געהאלטען אונ איז גיך אונטער געגאנגען, ווייל אונזערע ברידער זענען דעמאלט נאך גאנץ ווייט געוועזען פון אזא אידעע, איבער דער מינוט רוהע וואס דיא שונאים האבין זייא געשענקט נאך אלאנגער פערפאלגונג, אונ האבין געמיינט אז מען וועט זייא שוין אויף תמיד צוא פרידען לאזען; דאך זענען דיא רייד פון דיא גאונים אריין אין מאנכע הערצער פון אונזער פאלק אונ האבען פיעל געווירקט צוא פערברייטען דיא אידעע צווישען יודען דורך אונזערע נאציאנאליסטען וועלכע האבען זיך אבגערופען נאך זייא (דיא גאונים). עס איז אויך קיין ספק ניט אז דיא רייד פון דיא גאונים האבען געווירקט אויף דעם זעלטענעם מענטשען פריינד ר׳ משה מאנטעפיארע זצ״ל, ער זאל טאהן פאר דער אידעע, אונ ער, אלס ער איז דאס ערשטע מאל געקומען קיין ירושלים, האט ער פארגעלייגט דעם פאשא זיין פלאן צוא גרינדען יודישע קאלאניען אין ארץ ישראל. נאר פערשיעדענע

סבות האבען איהם איבער געשלאגען זיין גוטע מחשבה (זעהט זיין ביאגראפיע וואס מיר האבען געשריבען אין „יוד. פ. ב. פון תרמ״ד) . אונ נאך דעם, וויא עס איז איהם נישט געראטען מיט דעם ערשטען שטיק ערד וואס ער האט געקויפט ביא יפו. ווייל ער האט עס איבער געגעבין צוא אזא מענטשען וועלכער האט עס גאר אין גאנצען פערלאזט, האט ער זיך שוין אין גאנצען ענטזאגט פון דער אידעע צוא מאכען יודישע קאלאניען אין א״י, אונ האט זיך בעגנוגט נאר דער מיט וואס ער האט אלע צייטען אונטער שטיטצט די ארימע יודען אין ירושלים אונ האט דארט געלאזט גרינדען פיעל וואהלטהעטיגע אנשטאלטען. אויך דיא געריהמטע חברה „כל ישראל חברים״ אין פאריז האט זיך דעמאלט ערוועקט צוא טאהן לטובת הישוב אונ האט געגרינדעט אין ארץ ישראל אשולע אויף אויס צוא בילדען יודישע אקערבויער. דיא שולע וועלכע הייסט „מקוה ישראל״ עקזיסטירט נאך דארט ביז היינט.

אט דאס אלעס איז געטאהן געווארען צום וואהל פון דער קאלאניזאציאן אין פאלעסטינא דעמאלט, ווענן אונזערע ברידער אין גלות האבען געמיינט אז אט באלד טרעט שוין אן יענע גאלדענע צייט אין וועלכער עס וועט וואהנען אוואלף מיט אשעפעלע צוזאמען אונ ער וועט עס נישט צורייסען . . . נאר פלוצים איז אויף זייא אנגעפאלען דער שרעקליכער שטורעם פון דעם „אנטיסעמיטיזם״ פון וועלכען דיא רעזולטאטען זענען געוועזען: פאגראמען, שרפות, גראבעזשען, פערנויטציכטיגונג, ביטערע ווערעמענע פראווילעס מיט הארבע פירושים, אונ דאנן האבין אונזערע ברידער ערשט געעפענט דיא אויגען צוא זעהן וויא זייא האלטען אין דער וועלט, האבען זיך דער מאנט אין זייער אמאליגען לאנד „ארץ ישראל״ אונ דער געדאנקען צוא גרינדען דארט קאלאניעס האט אלזא צוריק אנגעהויבען אויפלעבען ביא זייא אזויא וויא עס איז אונז שוין היינט אלעמען בעקאנט.

איצט וועלען מיר בעטראכטען וויא אזויא עס האט זיך ענטוויקעלט דאס אחדות צווישען דיא חובבי-ציון אזויא, אז זייא האבען זיך אלע פעראיינט אונטער דער אידעע צוא גרינדען אין א״י אגרויסע קאלאניע אונטער דעם נאמען „מזכרת משה״ צום אנדענקען פון דעם גרויסען יודישען פאטריאט ר׳ משה מאנטעפיארע ז״ל.

דאס ווייסען מיר אלע, אז ווען עס האבין אנגעהויבין אויס צוא ברעכען דיא ערשטע פאגראמען, זענען פיעלע פון אונזערע ברידער זיך צוא לאפען וויא זייערע אויגען האבען זייא געטראגען; טהייל קיין אמעריקא אונ אנדערע קיין ארץ ישראל. אויך דיא רומענישע יודען האבין דעמאלט אנגעהויבען גאנצע מאססען צוא פערלאזען דאס בלוטיגע לאנד אונ זיך אוועק לאזען צום היילינגען לאנד. תחילת האבען זיך נאר אוועק געצויגען יענע עמיגראנטען וועלכע דער צענטראל-קאמיטעט פון גאלאטץ האט ארויס געשיקט אויף זיינע הוצאות

און האבען זיך באזעצט אין דער קאלאניע וועלכע הייסט היינט „זכרון יעקב". נאר אויף זייא קוקענדיג האבען זיך נאך פיעל אנדערע אוועק געלאזט קיין א"י אויף זייערע אייגענע הוצאות. וויא, עס איז בעקאנט, האבען דיא עמיגראנטען דארט אויסגעליטען זייער פיל צרות. דען פונקט ביים רעכטען פייער פון דער עמיגראציע איז פלוצים ארויס אבאפעהל פון דעם סולטאן מען זאל נישט לאזען דיא נייע עמיגראנטען זיך באזעצען אין פאלעסטינא. דאס איז ווירקליך געוועזען אביטערער קלאפ פאר דיא אונגליקליכע וואנדערער, און אפילו ווען עס איז זייא שוין געלינגען דורך פערשיעדענע מיטלען און איינפאלען און פאר אגרויסען פרייז געלד צוא קומען דורך פערשיעדענע האפענס קיין ארץ ישראל, איז נאך איידער זייא האבען צייט געהאט אפרייען אטהעם ארויס צוא לאזען, האט זייא שוין געטראפען אשפאגעל נייעם אומגליק: דען פונקט אין דער צייט האט זיך אויס געליידיגט דיא קאסע ביים דעם גאלאטצער צענטראל-קאמיטעט אזויא, אז עס איז מעהר ניט אין שטאנד געוועזען צוא אונטער שטיטצען דיא קאלאניסטען פון דער קאלאניע „שמרון" (היינט הייסט זיא „זכרון יעקב"), און דיא אומגליקליכע איז ליידער אויס געקומען אויס צוא געהן דארט פאר הונגער מיט זייערע ווייבער און קינדער. אזא צרה האט אויך דעמאלט געטראפען דיא קאלאניסטען פון „ראש פנה" וועלכע האבען זיך אויך פערלאזט אויף דיא שטיצונגען פון דעם גאלאטצער צענטראל-קאמיטעט.

אין דער ביטערער צייט האט זיך ערוועקט דער רב הגאון ר' שמואל מאהליווער, וועלכער איז בעקאנט פאר אגרויסען חובב-ציון און איז אוועק געפאהרען קיין פאריז, אום צוא בעוועגען דארט אונזערע גבירים זייא זאלען אנקומען צוא הילף דיא יעניגע, וואס האבען זיך געאפפערט וועגען דער אידעע פון ישוב א"י און זאלען טאקי דאביי אויך געבען דיא מעגליכקייט צוא פערברייטען מעהר דיא אידעע צווישען זייער פאלק; און זיין רייזע איז נישט געוועזען אומזיסט, דען אלס דער רב איז געקומען קיין פאריז האט ער מיט זיינע רייד געוואונען דעם רב הג' ר' צדוק הכהן, אבער-ראבבינער פון פאריז, און דעם גיעהרטען מאנן ר' מיכאל ערלאנגער, און דורך זייערע הילף האט דער רב זיך פארגעשטעלט פאר דעם „בעוואוסטען וואהלטהעטער" און האט געניינט זיין הארץ פאר ישוב ארץ ישראל. נאר איידער דער וואהלטהעטער האט אנגעהויבען צוא טאהן פאר דער קאלאניזאציע—האט ער פריער געוואלט זיך איבערצייגען אויב זיין מיהע וועט אנגעלעגט זיין, ד. ה. צוא זעהן אונזערע ברידער באמת פעהיג צוא דער ערד-ארבייט און צוא ווינשען זייא ווירקליך צוא ערנעהרען זיך מיט דעם שווייס פון זייערע געזיכטער. אום צוא ווייזען דעם וואהלטהעטער אז אזעלכע מענטשען געפינען זיך היינט אונטער אונז נישט ווייניג, האט דער רב איהם פארגעלייגט אזא פלאן: ער זאל אויס קלייבען צוועלף מענטשען פון רוסלאנד און זאל זייא באזעטצען אין א"י אלס אקערבויער,

וועלען זייא איהם דינען פיר אפראבע צוא דארף ער אונטערשטיצען דיא קאלאניזאציע, אונ צו קען עפעס דערפון ארויסקומען.

דער פלאן איז דעם וואהלטהעטער געפעלען.

דער רב רש״מ האט זיך באלד אומגעקערט צוריק אהיים. דארט האט ער זיך באקלערט מיט איין אדוואקאט פון דער שטאט וו... אגרויסער חובב-ציון, אין וועלכען ארט ער קאן בעקומען יודישע אקערבויער וועלכע זאלען זיך אויסצייכנען ביים וואהלטהעטער פון פאריז דורך זייערע פלייסיגקייט צו דער ערד-ארבייט, אונ נאך אלאנגען ישוב-הדעת האבען זייא בעשלאסען אז זייא זאלען איבערשמועסען מיט דיא יודישע אקערבויער וועלכע געפינען זיך ארום דער שטאדט ר... אונ בייא זייא אנפרעגען צו זייא ווילען זיך באזעטצען אין פאלעסטינא צו בעארבייטען דארט דיא ערד. דער רב האט טאקע אזויא געטאהן אונ האט זיך געווענדעט צו דיא דאזיגע לייט מיט דער פראגע, אונ דיזע זיינען באלד דארויף בעשטאנען. אם ענדע יאהר תרמ״ג זיינען ארוים געפאהרען דיא לייט, וועלכע זיינען בעשטאנען פון עלף פאמיליען, אונטער דער בעגלייטונג פון ר׳ יחיאל בריל ז״ל, דעם רעדאקטאר פון „לבנון״, אונ זיינען אנגעקומען גלייך אין דער קאלאניע „מקוה ישראל״ וועלכע געהער צו דער אלליאנס פון פאריז. אין דער קאלאניע זיינען זייא אבגעזעסען אקיילעכדיג יאהר אונ זיינען געפריווט געווארען מיט אלע שווערסטע נסיונות אין דער וועלט, כדי מען זאל זיך רעכט איבער צייגען אויב זייא זיינען ווירקליך ווערטה דיא שיטצונג פון דעם וואהלטהעטער, אונ אלם איז ארוים נאך בעסער וויא געוואונשען, דען מען האט ארוים געזעהען אז זייא פארשטעהען גרונדליך דיא ערד-ארבייט אונ ליעבען דיא פעלד-ארבייט, אונ דאנן האט דער וואהלטהעטער פיר זייערט וועגען געקויפט דיא קאלאניע „עקרון״, האט זייא פערשאפט אלע נאטהיגע זאכען וואס זייא געברויכען אין שטוב אונ אין פעלד, האט ניט געשפארט קיין געלד ביז ער האט דיא קאלאניע געשטעלט אויף אפעסטען פונדאמענט וויא מיר וועלען שפעטער דאס אויספיהרליך דערצעהלען.

אלם דער וואהלטהעטער האט געזעהען אז זיין מיהע איז אנגעלעגט אונ אז עס איז דא וואס צו האפען פון דער יודישער קאלאניזאציאן, האט ער גענומען אונטער זיין שוטץ נאך אנדערע דרייא קאלאניעס נאמליך: „שמרון״, „ראש פנה״ אונ „ראשון לציון״, אונ פון דעמאלט אן איז גאר קיין עק נישט דא צו דיא פיעלע חסדים וואס דער טהייערער מענש מהוט מיט דיא דארטיגע קאלאניסטען, וויא מיר וועלין אלעס אין דער צייט בעשרייבען.

ב

אין יענער צייט, ווען דיא קאלאניסטען פון „שמרון״ (איידער דער נדיב

האט זיך אנגערופען) האבען פערקלאגט דיא וועלט מיט זייער אומגליקליכער לאגע, איז זייער געשרייא דערהערט געווארען אויף גאנץ ווייט, אונ דער ביטערער שטאנד זייערער האט שטארק גערירט דיא הערצער פון אונזערע ברידער אין חוץ לארץ, וועלכע האבען דאדורך אנגעהויבען קלערין פלאנען וויא אזויא צו זאמלען געלד פאר דיא ארימע קאלאניסטען אין ארץ ישראל, אונ אט דערפון זענען ענטשטאנדען בייא אונז דיא פיעלע פעראיינע פון ישוב ארץ ישראל. כמעט אין יעדער שטאט האבען זיך אנגערופען פיעל אדער וועניג מענשען חובבי ציון צו טאהן פאר דער קאלאניזאציע פאלעסטינא׳ס אונ דורך זייא האט זיך צופיסליך אנגעהויבען פערברייטען צווישען אלע יודען דיא ערהאבענע אידעע פון ישוב א״י. נאר אזוי וויא עס איז שוין דיא זיטטע פון אונזער פאלק פון תמיד אן דאס יעדער פון אונז וויל טאהן נאך זיין אייגענעם שכל אונ נישט פאלגען דעם אנדערן וואס יענער זאגט איהם, זענען דאריבער געוועזען דיא מעשים פון דיא חובבי ציון אהן א ארדענונג; איטליכער בעזונדער האט געטאהן וויא ער האט געוואלט, נאר אהן ישוב הדעת, אהנע פריהער רעכט נאך צוקלערין, אנצופרעגען זיך אונ צו וויסען וואס צו טאהן. דאריבער דארפין מיר אונז נאר נישט וואונדערן וואס עס איז נישט געראטען דיא ערשטע עמיגראנטען אין פאלעסטינא, אונ זייא זענען נאך מיט זייער אונבעזאנענער עמיגראציע מעהר אויסגעבראכט געווארען. ווארום קען עס דען אנדערש זיין? אז מענשען וואס זענען קיין מאל נישט ארוים געפאהרען פון זייער שטאדט, האבען פערבראכט זייערע גרעסטע טהייל יאהרען בייא דעם מסחר, האבען נישט געקאנט דאס קלימאט פון דעם נייעם לאנד, נישט איהרע וועגען אונ שטעגען, נישט איהרע געזעטצע; מענשען וואס זענען איילענדיג אנטלאפען פון זייער היים אונ איילענדיג זענען זייא אנגעקומען אין דעם נייעם לאנד, אונטער א פרעמדען הימעל אונ דארט ווילען זייא זיך באשעפטיגען מיט א נייער ארבייט צו וועלכע זייא זענען נאר נישט געוואוהנט געוועזען אהן א שום שטיצע פון דער זייט, — אויב אזעלכע מענשען פארפעהלען זייער ציעל אין איינינע פרטים איז חלעבין גאר קיין חידוש נישט. אונ אט אזויא האט דאנן אומגעשוועבט דיא בעוועגונג צו ישוב א״י צווישען טויט אונ לעבען, ביז אלע חובבי ציון זענען ארונטער געפאלען אונטער איין גרויסען פעראיין אונ האבען ארויפגעשפריצט אויף איהר (אויף דער בעוועגונג) איינינע לעבענס-טראפען.

אום צו קענען אבזוכען דיא חובבי ציון אויף אלע ארטער וואו זייא געפינען זיך, האט מען בעקלערט צו פערקליידען דעם געדאנקען פון ישוב א״י מיט מאנטעפיארעס בילד, וואס אין דער צייט האט באלד געדארפט אנטרעטען זיין הונדערט-יאהריגער יובילאאום. דער געדאנקען, צו פערברייטען אונטער דיא יודען מאנטעפיארעס בילד, איז געוועזען אזא מיטטעל דורך

וועלכען מען זאל קענען אויפזוכען דיא חובבי ציון אומעטום וואו זייא האבען זיך געפונען, ווארום דער נאמען פון דעם צדיק אליין איז געוועזען וויא א צויבערקראפט צו ציהען צו זיך דיא הערצער פון אונזערע ברידער פון אלע לאנדער. אונ ווירקליך האבען דיא חובבי ציון דערמיט געמאכט זעהר א ווייטען שריטט, אויף וועלכען זייא האבען זיך תחילת גאר אליין נישט געריכט. אבער דערמיט אליין האבען זייא זיך נאך נישט בעגנוגט אונ האבען נאך געדענקט אז אלע יודען זאלען נעמען א טהייל אין דעם פייערטאג פון מאנטעפיארעס יובילאאום, כדי צו ערוועקען דאדורך צווישען זייא דיא ליעבע צום הייליגען לאנד אונ צו דער קאלאניזאציע. צו דעם צוועק האבען זיך צוזאמען גענומען מענשען אין פופציג שטאדט אונ האבען אויסגעקליבען פון זיך דעם רעדאקטאר פון דעם „המגיד" ר' דוד גארדאן ז"ל ער זאל זיך פארשטעלען מאנטעפיארען אין זיין פאלאץ, אונ איהם איבערגעבען איין אדרעס פון טויזענדע ברידער זיינע, וועלכע גראטולירען איהם צו זיין הונדערט-יאהריגען יובילאאום. וויא עס איז בעקאנט, איז דיא דעלינאציע געוועזען זעהר א גוטע זאך אין איהר צייט, אונ האט נישט ווייניג געהאלפען צום ענין דער קאלאניזאציע, דען דורך איהר האבען דיא חובבי-ציון געמאכט דעם ערשטען שריטט אויף דעם וועג פון דעם אלגעמיינען אחדות.

דיא צייט אין וועלכער עס האט זיך אנגעהויבען צו ענטוויקלען דאס אחדות, איז געוועזען אום ווינטער תרמ"ד, דעמאלט האט זיך יעדער מענש, וועלכער האט זיך גאר אינטערעסירט מיט דער אידעע פון ישוב א"י, איבערגעגעבען צום אחדות. פון אזעלכע מענשען זענען אויך געוועזען אונזערע ברידער אין אויסלאנד וועלכע זענען זיך שטענדיג עוסק אין וואהלטהעטיגע זאכען אונ וועלכע זענען בעקאנט אין דער גאנצער יודישער וועלט. דיא זענען: דער דאקטאר ר' ליב סאלאוועדי אין דער שטאדט דירקהיים אין בייערן אונ דער רב הגאון דאקטאר ר' עזריאל הילדעסהיימער אין בערלין אונ נאך אנדערע גרויסע מאנער. אזוי האט אויך דאס אחדות ארויסגערופען אין לאנדאן צו גרינדען דארט א פעראיין פאר ישוב א"י דורך אונזערע אויסערוואהלטע ברידער פון דארט, אונ דורך זייערע פערמיטלונג האבען זיך איבערגעגעבען צו דער אידעע אויך דער באוואוסטער באנקיער ר' שמואל מאנטאגא מיט דעם אבער-ראבבינער הרב הגאון ר' נתן אדלער מיט זיינע זיהן דיא רבנים. יא דאס אחדות צווישען דיא חובבי-ציון האט געווירקט צו ערווערבען פיעל מענשען צו דעם הייליגען געדאנקען אונ צו פערברייטען דיא אידעע אויף אסך ערטער צווישען יודען, אונ אזוי האט דאס אחדות זיך אנגעהויבען צו פארגרעסערן ארום אונז פון טאג אויף טאג אום צו פעראייניגען מיט דער אידעע דאס שה פזורה ישראל...

קוים איז געשלאסען געווארען דאס אחדות צווישען אלע פעראיינען פון דיא חובבי ציון, האבען זייא זיך אלע פעראיינט אונטער איין מחשבה

אז עס זאלען זיך צוזאמען קומען אלע פון זייערע טהועֶרס אויף איין ארט אום צו באקלערן מיטטלען צו ברענגען איין ארדענונג אין דעם צוגאנג פון דער אידעע אונ צו באווארנען טאקע אז דער רעיון זאל חלילה נישט בטל ווערען, אזוי וויא עס זענען שוין אונטער אונז אונטערגעגאנגען נאך אנדערע טהייערע אידעען וועלכע אונזערע אויסערוויילטע מאננער האבען אלע צייטען ארויסגערופען. דאס רופען צו איין אללגעמיינער אסיפה איז אנגענומען געווארען ביא דיא טהועֶרס פון דיא חובבי-ציון מיט גרויס ליעבשאפט, אונ אים 18 טען טאג אין חודש חשון תרמ״ד זענען זיך צוזאמען געקומען געגען א 30 פערזאנען אין א קליין שטאדטיל, וועלכעס געפינט זיך אויף דיא גרענצען פון דרייא רעגיערונגען.

אלזא האט זיך דיא אסיפה געאפענט, אונ א שיין פון האפנונג האט אבליטץ געטאהן אויף אונזערע אומגליקליכע ברידער דיא קאלאניסטען פון דעם היילגען לאנד — דארט אין קאטאוויץ איז געלעגט דער ערשטער שטיין פאר דעם בנין „עזרת ישראל״.

אויף דער אסיפה האט מען בעשלאסען: אזוי וויא דיא צוקונפט פון דער היילגער זאך (צו טאהן פאר ישוב א״י) העננט אב נאר אן דיא יעניגע קאלאניען וועלכע געפינען זיך שוין אין פאלעסטינא, דען זייא דארפען אונז דיענען פאר א ביישפיעל אז דיא דארטיגע ערד איז נאך היינט אויך גענוג פרוכטבאר, אונ אז אונזערע ברידער קענען זיך נאך היינט אויך באשעפטיגען מיט דער פעלד-ארבייט וויא אונזערע אמאליגע עלטערין וועלכע האבען גאר פון קיין אנדערע בעשעפטיגונג נישט געוואוסט אחוץ אקערבוי, דאריבער דארף מען קודם כל זעהען צו פערזארגען מיט מיטטלען דיא דאזיגע קאלאניען זייא זאלען חלילה נישט צו גרונד געהען, אונ ביז דאס וועט געשעהען זאל מען דערווייל קיין נייע קאלאניעס נישט גרינדען. אט דאס איז געוועזען דיא הויפטזאך וואס דיא חובבי-ציון האבען צווישען זיך בעשלאסען אויף דער גרויסער אסיפה. דיא ערשטע שטיצונג פון דיא חובבי ציון איז געוועזען פאר דיא צווייא קאלאניעס: „פתח תקוה״ אונ „יסוד המעלה״ אויף א סומע פון 10 טויזענד פראנק, אדער 3870 רובּיל, דאס געלד האבען זייא איבערגעגעבען צו ה׳ ערלאנגער אין פאריז, דיזער האט עס אוועק געשיקט צו ה׳ הירש, דעם דירעקטאר פון דער קאלאניע „מקוה ישראל״, וועלכער האט עס איבערגעגעבען צו דיא גרינדער פון דיא צווייא קאלאניעס אונ זייא האבען עס שוין צוטהיילט צווישען זייערע קאלאניסטען. פיעל פון דיא קאלאניסטען איז אנגעקומען אויף א חלק צו 550 פראנק אויף יעדען בעזונדער. אויסערדעם האבען דיא חובבי-ציון ארויסגעשיקט אים ווינטער תרמ״ה דיזע סומען געלד קיין פאלעסטינא: 700 רובּל פאר דיא בילו-צעס. 700 רובּל א קאלאניסט אין „גדרה״ אונ צוויי טויזענד רובּל פאר דיא קאלאניסטען פון „יסוד המעלה״

(דיא לעצטע סומע איז ערהאלטען געוואָרען אלס דער ה' וויסאצקי אי' אנגעקומען קיין פאלעסטינא).

נאך אזאך האבען דיא חובבי ציון בעשלאָסען אויף דער אסיפה אין קאטאוויץ; אז חוץ אום צוא האלטען דיא קאלאָניעס וואס זיינען שוין דא אין פאלעסטינא, דארף זייער עיקר ציעל זיין צוא קויפען ערד אין א"י אום צוא פאר גרעסערין דער מיט דיא קאלאניזאציע. אום דעם געדאנקען אויס צוא פיהרען, דארף מען זעצען אין א"י אוועד הפועל (אדעיסטוואויושטשי קאמיטעט). נאר אזויא וויא דיא חובבי ציון אין חוץ לארץ קענען אויף קיין פאל ניט וויסען דיא ריכטיגע ידיעות פון א"י וואס עס באטרעפט דיא קאלאניזאציאן, דען איין ידיעה לייקענט אב דיא אנדערע, איז דאריבער נייטהיג ארויס צוא שיקען אהין אבאזונדערין דעלעגאט וועלכער דארף אבער זיין אפראקטישער מאנן, נישט אבהעגניג זיין פון קיינעם, אקאפיטאליסט אונ דער צוא דארף ער זיין שטארק ערגעבען צוא דער אידעע פון ישוב א"י, אונ זאל זיך נישט אב שרעקען פאר קיין זאך וואס קען איהם ליגען אויף דעם וועג פון זיין שליחות, אזא מענטש זאל זיך פערזאמען אין א"י עטליכע מאנאט, זאל חוקר ודורש זיין דאס לאנד מיט אלעם וואס בעטרעפט דיא קאלאניזאציע, נאך דעם זאל ער פארט זעצען אועד הפועל אונ דאנן וועט מען ערשט קענען צוא טרעטין צוא דער ארבייט.

ג

גאנצע דרייא מאנאט זיינען אוועק געגאנגען אלס דיא חובבי ציון זיינען געוועזען באשעפטיגט מיט בריעף אונ טעלעגראמען צוא בעקומען אתשובה אויף דער שאלה: וואו נעמט מען אזא מענטשען וואס זאל אונז קענען ברייננען ריכטיגע ידיעות פון פאלעסטינא אונ וואס מיר זאלען זיך אויף זיינע בייד קענען פערטרויען? אבער עס האט זיך קיין איינציגער נישט אב גערופען וואס זאל וועלין נעמען אויף זיך אזא שווערע שליחות, אונ אזויא האט זיך דער עסק אוועק געצויגען דעם גאנצען ווינטער תרמ"ה, אונ דא האבען דיא קאלאניסטען אין א"י ארויס געקוקט מיט זיבען אויגען אויף דער שטיצע פון דיא חובבי ציון, אזויא אז עס איז אונמעגליך געוועזן אב צוא ליינען דיא דעליגאציע אויף זומער, וואס דעמאלט וואלטען זיך אפשר יא אב גערופען אזעלכע מענטשען וואס זאלין וועלין אונ קענען אויף זיך נעמען אזא שליחות. דאס אלעם האט צוא געזעהן דער גביר אונ וואלטהעטער ר' קלמן זאב וויסאצקי, וועלכער איז שטענדיג דער ערשטער צוא יעדער זאך פון וועלכען עס הייננט אב דאס גליק פון זיין נאציאן, אונ האט אויף זיך גענומען דיא הייליגע ארבייט אויף זיינע איינענע קאסטען, אונ דעם 28 אדר תרמ"ה האט ער פערלאזט אין אגליקליכער שעה זיין הויז אונ איז אב געבייזט אהין וואו

עס האט איהם געצווינגען זיין פעסטער ווילען מיט זיין גוטעס הערץ. דאס ציעל וואס דער געעהרטער מאנן האט זיך באשטעלט אויף זיין רייזע איז בעשטאנען פון פאלגענדעס: 1) צוא באקענען זיך מיט דעם צוא שטאנד פון דיא קאלאניסטען אין דיא קאלאניעס: „פתח תקוה", „גדרה" אונ „יסוד המעלה" אונ צוא באשטעלען אסומע געלט מיט וויפיעל מען זאל זייא אונטער שטיצען; 2) צוא ווארפען אבליק אויף דיא פערברייטונג פון דער קאלאניזאציאן אונ צוא בעקלערען וויא אזויא מיא זאל קאנען דעם געדאנקען אריין ברייגנען אין דער ווירקליכקייט; 3) צוא זעצען אין פאלעסטינא אועד הפועל וואס זיין ציעל זאל זיין: I) אויף צוא נעמען איין עקאנאם פאר דיא קאלאניעס. II) צוא געבען השגחה אויף דיא אויף פירונגען פון דעם עקאנאם געגען דיא קאלאניסטען אדער וויא אזויא דיא לעצטע פיהרען זיך אויף צווישען זיך אליין. III) צוא שטיצען דיא קאלאניסטען אונ אויס טהיילען זייא דיא סומען געלד אין בעשטימטע צייטען. IV) צוא רעכט מאכען פאר דיא קאלאניסטען דיא וועגען זייא זאלען זיין ריין מיט אגעזונדער לופט לויט דער היגיענע, צוא מאכען אין יעדער קאלאניע אשול, אמרחץ, שפייז קלייטען, אונ בכלל צוא ערציהען זייא פאר ארענטליכע אונ פראקטישע לייט.

אום ערב פסח איז ה' וויסאצקי אנגעקומען קיין קאנסטאנטינאפאל וואו ער האט זיך פערזאמט 3 וואכען. אין דער צייט איז איהם געלינגען באקאנט צוא ווערען דארט מיט יודישע גרויסע לייט וועלכע זיינען חשוב ביא דער רעגירונג אונ זיינען גוט באקאנט מיט דיא דארטיגע בעאמטע, אונ דורך זייא האט ה' וו. געמאכט דיא ערשטע שריט צוא פערגרינגערין דיא דינים איבער דיא געזעצע וואס בעטרעפען דיא יודישע קאלאניסטען אין פאלעסטינא. דעסטגלייכען האט ער מיט זיין בעגלייטער אויף דער רייזע ה' אלעזר רוקח געמאכט אוויזיט דעם חכם באשו הרה"ג ר' משה הלוי עפענדי, וועלכער האט זייא עמפפאנגען מיט דער גרעסטער ליבע אונ האט זייא געזאגט, אז ער איז ערגעבען מיט לייב אונ זעלע צום היילינגען געדאנקען פון ישוב א"י אונ וועט זיך פליסען מיט זיינע אלע קרעפטע צוא טאהן פאר דער אידעע. זיינע רייד זיינען געוועזען פאר ה' וו. וויא אגוטער באלזאם אונ האבען איהם פערשאפט מעהר מוטה מיט ענערגיע צוא גיין אויף דעם היילינגען וועג אויף וועלכען ער האט זיך געצווינגען. קומענדיג אין יפו האט ער שוין דארט געטראפען דעם דאקטאר ר' נפתלי אדלער פון לאנדאן וועלכער ערפילט דארט די שטעלע פון אבער ראבינער אויף זיין פאטערס ארט. דער געריהמטער מאן האט איבער געגעבען ה' וו. 300 פונט שטערלינג, וועלכע ער האט בעקומען נדבות פון פערשיעדענע וואהלטהעטיגע געזעלשאפטען, ער זאל עס פערטהיילען צווישען דיא קאלאניסטען, אונ דאן האט אנגעטרעטען דיא צייט פאר ה' וו. צוא ארבייטען אונ נאך צוא פארשען דיא זאכען וואס זיינען שוין געשעהן אונ וואס געשעהען איצט אין ארץ ישראל.

לאמיר נאר ווארפען אבליק אויף דעם צוא שטאנד פון דיא 3 קאלאניעס: „פתח תקוה״, „גדרה״ אונ „יסוד המעלה״ וועלכע ה׳ וויסאצקי האט געטראפען אין דעם מאמענט אין וועלכען ער האט בעטרעטען דיא היילינע ערד.

פתח-תקוה.

דיא קאלאניע „פתח תקוה״, וועלכע איז געגרינדעט געווארען אין יאהר תרל״ח פון ירושלים׳ער יודען פון וועלכע עס זיינען געשטאנען אין דער שפיצע ר׳ דוד גוטמאנען, ר׳ שמען שטאמפער, ר׳ י. מ. סאלימאנן, פאר נעמט אשטרעקע ערד פון 1470 דונאם אדער פון 8 ווערסע. דיא ערד איז ווירקליך אגרויסע שטרעקע לויט דיא צאהל פאמיליען (35) וועלכע האבען זיך דארט באזעצט. דיא קאלאניע אליין ליגט אין אטאל נאר ערטער ווייס איז זיא בערגיג. דאס העכסטע ארט איהרעס איז „יהוד״, דיא הײנטיגע אבטהיילונג פון איהר אין וועלכער עס וואוינען דיא מעהרסטע טהייל קאלאניסטען. בײם עק פון דיא פעלדער ציהט זיך דער טייך „נהר אל-אדושע״ וועלכער טרינקט אן דיא ערד אונ מאכט זיא פרוכטבאר. נאר אום זומער, ווען דיא זונן צוא היצט שטארק דעם טייך מיט דער ערד—גייען פון איהם ארויס שעדליכע דונסטען (פארעס) וועלכע שוואכען זייער אב דעם מענטשען אונ ברייננען נאך צומאל אויף איהם אפיעבער אויך. דיא ערשטע קאלאניסטען אלס זייא זיינען אנגעקומען אין דער קאלאניע, האבען זייא זיך צוא טהיילט אויף צווייא לאגערין; איינינע פון זייא, ווייל זייא האבען נישט געוואוסט וואס זייא האבען צוא טאהן, האבען זייא זיך אוים געבויעט ליימענע שטיבלעך, נידריגע אונ פינקטערע אראב בײם ברעג טייך וואו דיא רעכטע געפאהר געפינט זיך, אונ דיא איבעריגע קאלאניסטען וועלכע זיינען שוין געוועזין מעהר פארזיכטיג, האבען געמאכט זייערע דירות אויף אצווייא, דרייא ווערסט ווייטער פון דעם טייך, אויף אבארג פון 20 מעטער דיא הויך. אום זומער תרל״ט אלס דאס פיעבער האט זיך נאר ארויס געוויזען בייא דיא וואס האבען זיך באזעצט בײם טייך, האבען זייא באלד אוועק געווארפען זייערע ליימענע שטיבלעך אונ זיינען זיך צוא לאפען אין דיא נאהנט שטעט: ירושלים, צפת אונ חברון. אויף זייא קוקענדיג האבען זיך אויך דער שראקען דיא איבעריגע קאלאניסטען אבוואהל דאס פיעבער האט זייא נאר נישט אנגעריהרט, דאך האבען זייא געחאפט אונ פערדינגען דיא אראבער זייערע פעלדער אונ אליין זיינען זייא זיך צוא לאפען פון דער קאלאניע אונ זייערע הייזער זיינען געבליבען וויסט אונ לעער. — נאר ווייא אזויא דיא קאלאניסטען האבען זיך דער שראקען פאר דעם קלימאט פון זייער קאלאניע, האבען זייא זיך דאך נישט אין גאנצען מיאש געווען פון איהר, אונ האבען אלץ געקלערט מיטלען ווייא אזויא צוא פערניכטען פון זייער קאלאניע דאס פיעבער אונ אום צוא ריינינען דארט דיא לופט. אין דעם יאהר תרמ״ב, נאך דעם ווייא עס איז

זייא צו געקומען נאך אנדערע מענשען וועלכע זענען שוין ניט געבוירען אונ ערצויגען געוואָרען אויף דער חלוקה, פאָלגליך זענען זייא געוועזען מעהר פּראַקטישע אונ ערפאַהרענע לייט, זענען דיא אַלע קאָלאָניסטען נאך אמאל אָן געקומען אין פּתח־תקוה, האָבען זיך נאך ערוואָרבען אַ נייא שטיק פּלאַטץ „יהוד", וועלכער געפינט זיך געבען זייער ערשטער קאָלאָניע פ״ת אויף א בארג הויך פון 60 ביז 70 מעטער איבער דער איבריגער ערד. אויף דעם נייעם אָרט האָבען זייא זיך אויסגעבויעט גרויסע אונ פעסטע הייזער. אונ אין פּתח־תקוה האָבען זייא איינגעזעצט ביימער צו ריינינגען דיא לופט פון דיא שעדליכע דונסטען אונ האָבען אויך פאַרריכט דיא אַלטע הייזער וועלכע זענען געשטאַנען אויף דעם בארג. פון דעמאָלט אָן האָט דיא קאָלאָניע אויף זיך אָנגעצויגען נאר אַנייעם לעבען. נאר אָט וואָס עס איז שלעכט געוועזען דיא קאָלאָניסטען: 1) זייא האָבען פיעל געלד אויסגעבראַכט אויף דעם ברונען וועלכען זייא האָבען געגראָבען; 2) ווייל זייערע הייזער זענען ווייט געוועזען פון דיא פעלדער האָט דער גאַנג הין אונ צוריק ביי זייא צוגענומען דיא צייט צו אַרבייטען, האָבען זיך דאַריבער איינינגע פון זייא ענטשלאָסען צו קויפען נאך אשטיק פּלאַטץ וועלכער געפינט זיך ביי דער נייער קאָלאָניע, נאָר זייא זענען אָבער נישט געוועזען פאַרזיכטיג אונ האָבען געהאַפּט אונ געקויפט פונקט אַזאַ ערד אויף וועלכער עס קומט דער רעגירונג פיעל אָבצאָהלונגען; אונ: 3) עס איז נישט געוועזען קיין אָבגעשטעלטע גרעניץ צווישען דיא יודישע קאָלאָניסטען פון פ״ת מיט זייערע שכנים דיא אַראַבער, אונ דאָס איז אַזאַ זאַך וואָס עס קען אַרויסרופען מחלוקת צווישען דיא ביידע־ערלייא קאָלאָניסטען. אָט דאָס זענען איינינגע פון פיעלע הינדערנישע וועלכע מען האָט געדאַרפט אונטערברענגען.

גדרה.

נישט ווייט פון יפו אונ אויף אַצוואַנציג ווערסט פון ראשון לציון געפינט זיך דיא קאָלאָניע גדרה אָדער קאַטראַ אין וועלכער עס זיטצען איצט דיא חברה בילו (בית יעקב לכו ונלכה). נאר איידער מיר וועלען בעשרייבען דיא געשיכטע פון דער קאָלאָניע אונ אין וועלכען שטאַנד ה׳ וויסאָצקי האָט זיא געטראָפען, וועלען מיר פריהער דערצעהלען דיא געשיכטע פון דיא וואָס האָבען זיא געגרינדעט, ווייל זיא איז ווירקליך ווערטה מען זאָל זיך איבער איהר פערטראַכטען.

אין דיא יאהרען 1881—82, ווערענד דיא אַנטיסעמיטישע וואָלקען האָבען זיך אויסגעשפּרייט אויף דעם איירָאָפּאַאישען הימעל אונ עס האָט אָנגעהויבען צוגיסען אויף דיא יודישע קאָפּ אַ רעגען פון שפּאָט, פעראַכטונג, אונ פערפאָלגונג, בעגלייטעט מיט דונערין פון פּאָגראָמען אונ מיט בליטצען פון שרפות; דעמאָלט ווען יודען האָבען געזוכט אויף אַלע זייטען אַ הילף צו

זייערע אומגעריכטע אומגליקען און אייגער האט דעם אנדערען געפרעגט, „וואו זאלען מיר לויפען? וואו זאלען מיר אונז אהין טאהן?״ — אין דער זעלבער צייט האבען זיך ערוועקט איינינע יונגע לייט פון די אוניווערזיטאטין און פון די גימנאזיעס און האבען אויסגערופען אויף א קול: בית יעקב לכו ונלכה! (יודען! קומט לאמיר געהען!) און נישט ווארטענדיג ביז זייערע ברידער וועלען דערהערען זייער קול, און אום צו זיין פאר א ביישפיעל צו אנדערע, האבען זיא פערלאזט זייער געבורטסלאנד, האבען פארגעסען אין אלע גוטע צוקונפטען וואס האט זיא געקענט דא ערווארטען און זענען געגאנגען זוכען פאר זיך א מנוחה אין דעם היילינען לאנד.

שטעלט אייך פאר געעהרטע לעזער! יונגע לייט וועלכע האבען שוין פארזוכט דעם טעם פון א ציוויליזירטען לעבען, האבען שוין געזעהען פאר זיך א שיין פון בילדונג, יונגע לייט וואס די האפנונג האט זיא געשמייכעלט צו געפינען דא זייערע לעבענסמיטלען דורך גייסטיגער ארבייט און נאך מיט עהרע, — אזעלכע יונגע לייט פערווארפען פלוצים פון זיך אט דעם גאנצען כבוד און לאזען זיך אוועק אין א פערלאזט לאנד וואס זיא ווייסען גאר נישט אפילו דאס לשון פון יענע איינוואהנער. עדלע און צארטע קינדער וואס עס איז גאר אויף זיא נאך קיין מאל נישט געלעגען א עול פון ארבייט לויפען איצט וויא די פרעהליכע הירשען צום לאנד פון זייערע עלטערין אום צו בעארבייטען איהרע ערד, און מיט פולע הערצער פון האפנונג און בטחון זענען זיא טאקע אנגעקומען צו זייער ציעל.

נאר ווער קענן נאר אוים דערצעהלען די פיעלע הינדערניסע (מניעות) וואס עס האט געטראפען אט די טהייערע קינדער אונזערע אויף דעם וועג, אויף וועלכען זייא האבען זיך אבגעשטעלט. זייא זענען געפריוט געווארען מיט זעהער פיעל פראבען (נסיונות): היינט האבען זייא געוואהנט זייערע האנד צו א מלאכה און מארגען זענען זייא ארויסגעגאנגען צו גראבען פרעמדע פעלדער פאר אפראנק (35 קאפ׳) א טאג; נאכטלעגערס האבען זייא זיך נישט געקאנט אבזוכען און האבען דאדורך געמוזט נאכטיגען אויף דער גאס, אונטער דעם פרייען הימעל; מיט איינענע הענד האבען זייא זיך געמוזט קאכען דאס עסען נאך פיעל טאג וואס זייא האבען זיך בעגניגט מיט ברויט און זאלץ. נאר דאס אללעם האט יעדאך נישט אבגעשוואכט זייער מוטה מיט דעם פעסטען ווילען. רוהיג און געדולדיג האבען זייא פערטראגען די אלע שמערצען, ווייל דאס איז דאך געוועזען דער רעכטער וואונש זייערער זייט זייא האבען פערלאזען זייער געבורטסלאנד, אז זייא זאלען זיין א ביישפיעל פאר דעם גאנצען פאלק זייערין, אויפוועקען זייא פון זייער פעסטען שלאף אום זייא זאלען אויך טאהן דאס זעלבע וואס זייא (די בילו-צעם) האבען געטאהן. — געגען $2 \frac{1}{2}$ יאהר האבען זיך די טהייערע קינדער אבגעמיטשעט אין דעם היילינען לאנד. זייא האבען וויא בראכטע

טאגע-לאהנער (פאדיאנשטשיקעס) בעארבייט דיא ערד פון דיא קאלאניעס וואס ארום ירושלים אונ אין איהרע געגענדען. אמת זייא האבען אפילו אין דיא ביטערע יאהרען זיך ערוואָרבען א גרויסע ידיעה אין דער פעלד-ארבייט, נאר וועלכען נוצען האבען זייא דען געגאסען פון זייערע גאנצע מיהע, ווען זייא האבען נישט געהאט קיין אייגען שטיקעל פעלד פון וועלכען זייא זאלען קאנען געניסען דיא פרוכטע אונ זאלען נישט דארפען אנקומען צום מענשענס גאב, צו זוכען ארבייט אויף פרעמדע פעלדער.

נאר צו אלעס איז דא א צייט, שלעכטס איז נישט אויף אייביג. אויך צו דיא שמערצען פון דיא בילו-צעס איז געקומען איין עק. נאכדעם וויא זייערע צרות זענען שוין איבער געגאנגען אלע גרענעצין, איז זייא אנגעקומען צו הילף דיא חובבי-ציון וועלכע האט זייא געגעבען ערד מיט נאך אנדערע זאכען וואס זענען נאטהיג צו דער פעלד-ארבייט, אונ דיא גרעסטע טהייל פון דער חברה „בילו" האבען זיך דארט באזעצט אונ דאס איז היינט זייער קאלאניע וועלכע הייסט „גדרה".

דיא קאלאניע זייערע ליגט נישט וייט פון דעם ים אונ ציהט זיך אויף אשטרעקע (שטח) פון 3080 דונאם אדער 256 2/3 דעסיאטין, זיא געפינט זיך 8 שעה נאנג פון ירושלים, 5 שעה פון יפו, 3 שעה פון דער קאלאניע „ראשון-לציון" אונ 1 שעה פון דער קאלאניע „עקרון". איהר ארט (אין וועלכען זיא געפינט זיך) איז אין דרום זייט פון „ראשון-לציון", אונ אין דרומית מערבית פון „עקרון". אין דער זייט פון צפונית-מערבית איז זיא בענאנט מיט דעם נאמען „יבנה". אין גדרה קענן מען ארוים זעהען דיא הייזער פון דיא קאלאניסטען אין עקרון, אויך איהרע נאסען מיט דעם ברונען פון דארט; מען קענן אויך אין גדרה ארויסזעהען דיא הייזער פון „ראשון-לציון". צוויא דריטעל טהייל ערד פון גדרה זענען נידריגע געגענדען אונ דיא לעצטע דריטעל ערד איז בארגיג. דיא ערד אין גדרה איז געקויפט געווארין אים יאהר תרמ"ד דורך ה' י. מ. פינס. זיא האלט, וויא מיר האבען שוין געזאגט, 3080 דונאם: פון זייא צווייטוויזענד דונאם ערד איז גוט צום זאען, 450 דונאם— צו פלאנצען גארטענער, 425 דונאם—צו פארזעטצען אלבירטבייטער אונ דיא איבעריגע 205 דונאם זענען גוט צו אנדערע פערשיעדענע פלאנצונגען. דיא גאנצע שטרעקע ערד איז צוטהיילט אויף 25 חלקים, צו 123 דונאם אויף יעדער חלק, 15 1/2 חלקים ערד האבען געהערט צו דיא מענשען פון אדעסא, ווארשא, ווילנא, חארקאוו, מאסקווא, מינסק, פאלטאווא, ראסטאוו, וועלכע—אין דער צייט פון דער אסיפה אין קאטאוויץ—האבען זייא אוועק געשענקט זייערע חלקים ערד צום אלגעמיינען קאמיטעט. דיא איבעריגע 9 1/2 חלקים ערד געהערען צו איינצעלנע מענשען וועלכע זיצען נאך אויף זייערע ארטער אין ר... פון דיא 15 1/2 חלקים וואס האבען געהערט צו דיא חובבי ציון האט מען תחילת אבגעגעבען 5 חלקים ערד צו

דיא בילו-צעס אונ נאך דער אסיפה אין קאטאוויץ האט מען זיא אבגעגעבען אויף דיא איבעריגע חלקים ערד.

אין 1884, אלס דיא בילו-צעס זענען אב געזעסען זעכס מאנאט אהן ארבייט האבען זיא זיך אלע צוא זאמען גענומען אונ זיך ענטשלאסען צוא באזעצען זיך אין גדרה אונ צוא בעארבעטען אידרע ערד. זיא האבען זיך פריער געווענדעט מיט אבקשה צוא ה' פינס, ער זאל זיא אנווייזען וויא אזויא זיא זאלען זיך באגיין מיט זייער נייע קאלאניע, אונ ה' פינס איז אזויא גוט געוועזען אונ האט זיך מיט זיא באזעצט אין גדרה. ער האט צוא געזאגט צוא געבען יעדען קאלאניסט פון זיא 30 פראנק (12 רובל) אלע חודש אונ זיא צוא העלפען מיט זיינע אלע מעגליכקייט אום זיא זאלען קומען צוא זייער ציעל. ער האט זיא אויך געגעבען געלד צו קויפין איין אייזעל מיט איינגע כלים צוא דער פעלד ארבעט. דיא גוטע רייד פון ה' פינס מיט דיא טרייסטענדע ווערטער פון איינגע ירושלים'ער יודען האבען פיל געווירקט אויף די בילו-צעס. דעסטמיליכען וואס דיא חובבי ציון האבען אנגעהויבען צוא נעמען אטהייל אין זייערע ליידען אונ זיא צוא העלפען אויף וויא פיעל עס איז נאר מעגליך, האט אריין געבלאזען אין זיא אשטארקען מוטה ארויס צוא טרעטען צוא דער ארבעט אונ אים 26-טען טאג אין חודש כסלו תרמ"ה זענען 9 מענטשין פון דיא בילו-צעס, נעמליך: צוקערמאנן, לייבאוויטש, ליפס, מאגוליעווסקי, מאגוליעווסקי, חאזאנאוו, סווערדלאוו, פוקס, אונ הורוויץ אנגעקומען אין גדרה.

ווייל עס האט ביים אנפאנג דיא בילו-צעס געפעהלט כלים צום אקערבוי אונ געלד אויף צוא קויפען זאמען צום פארזייען, האבין זיא דאריבער געמוזט פאר דינגען זייערע פעלדער דיא אראבער פאר דעם פרייז פון אפינפטעל פראצענט פון דער תבואה וועלכע וועט אראב גענומען ווערען פון זייערע פעלדער, אונ אליין האבען זיא זיך גענומען איינזעצען ווייגשטאקען אויף דעם בארג "יהודית" אויף אשטרעקע פון 36 דונאם אונ נאך דעם האבען זיא געמאכט ארום דעם גארטען אגראבען. דיא ווייגשטאקען האבען זיא צוא טהיילט אויף 9 טהיילען אונ האבען זיך דער מיט איין געטהיילט על פי הגורל. אין גאנצען האבין זיא צום ערסטען פארזעצט אכט טויזענד בוימער פון חברון אויף 2 מעטער ווייט איינער פונ'ם אנדערן, נור איבער דעם ווייניג רעגען וואס איז דארט אין פאריגען יאהר געוועזען איז זיא נישט געראטען דער גארטען. קיין דירות האבען זיא נישט געטארט אויף בויען ווייל זיא האבען דערויף נאך נישט גיהאט קיין רשות פון דער רעגירונג.

אט אין דעם שטאנד האט זיך געפונען דיא צווייטע קאלאניע גדרה ווערהענד ה' וויסאצקי איז אן געקומען קיין ארץ ישראל. איצט לאמיר זעהן וויא עס איז דאנן צוא געגאנגען מיט דער דריטער קאלאניע "יסוד המעלה".

יסוד־המעלה.

אין יאהר תרמ"ג האבין זיך צוא זאמען גענומען 25 פאמיליען אין מעזעריטש אונ האבין זיך ענטשלאסען צוא גרינדען אקאלאניע אין פאלעסטינא. יעדער פון זייא האט געגעבין צוא דעם צוועק געלד וויא פיל ער איז אים שטאנד געוועזען. תחלת זיינען זייא זיך צוואר באנאנגען גענוג פארזיכטיג אונ נישט געאיילט, אזויא וויא עס דארף זיך פיהרען צווישען פראקטישע מענטשין, דען זייא האבין פון זיך ארויס געשיקט צווייא מענטשין: ר' ליב רובין אונ פישל סאלימאנן, וועלכע זיינען אן געקומען קיין פאלעסטינא אונ האבען דארט פאר קיינעם נישט ענדעקט דאס ציעל פון זייער רייזע, אונ מיט גענוג ישוב הדעת האבען זייא נאך געזוכט ערד, ביז זייא האבען געפונען אין גליל אפיין שטיק פלאץ פון 2400 דונאם, אדער 220 דעסיאטין וועלכעס געפינט זיך אויף 4 שעה ווייט פון צפת פון צפון זייט, 3 שעה — פון דער קאלאניע „ראש פנה" אונ 1 שעה גאנג פון דעם ירדן. דאס דאזיגע ארט האבען זייא זיך אב געקליבען פאר אקאלאניע אונ האבין איהר איין נאמען געגעבין „יסוד-המעלה".

נישט ווייט פון דער זעלבער קאלאניע צוא מזרח זייט געפינט זיך דער טייך „מי מרום", וועלבער האט אין זיך דיא בעסטע פיש פון גאנץ ארץ ישראל, ער טרינקט אויך אן דיא ערד אויף דעם בעסטען אופן. דיא ערד פון דער קאלאניע איז זייער פעט אונ געהט דער מיט איבער אפילו דיא ערד פון „פתח-תקוה". ווען מען גראבט נאר אויף צווייא, דרייא ארשין דיא טיעף, געפינט מען שוין דארט זייער גוטע אונ לייכטע וואסער צום טרינקען, דאריבער קען מען אויף דער ערד פארזייען אלערלייא תבואות אונ פלאנצונגען. דיא ערד אין דער קאלאניע איז אויף 70 מעטער העכער איבער דעם גלייכקייט פון דעם ים, אונ ווייל דיא קאלאניע איז נית ווייט פון דעם באקאנטען בארג „חרמון" אויף וועלכען עס ליגט איין שטענדיגער שנייא, איז דאריבער דיא לופט אין דער קאלאניע לויטער אונ געזונד דורך דיא קאלטע ווינטען וועלכע בלאזען פון דעם בארג. אין דער מיט פון דער קאלאניע געפינט זיך אגרויסער גארטין אויף אשטרעקע פון 60 דונאם, אדער 5 דעסיאטין אין וועלכען דיא קאלאניסטען האבין פאר זעצט פיל בוימער, נאר דורך פארשידענע אורזאכען איז דיא קאלאניסטען נית באשערט געוועזין זייא זאלין געניסען פון זייער מיהע. געגען אהונדערט איילען ווייט פון דעם גארטין געפינט זיך אגרויסע שטיינערנע נאר אלטע געביידע אהן פענסטער, זיא האלט 40 איילען דיא ליינג אונ 18 דיא ברייט. דיא קאלאניסטען האבין זיך געוואלט נעמען צוא פאריכטען דיא געביידע אונ אביין שטעלין פענסטער אום זייא זאלין קענען אין איהר דער וייל וואוינען, עס איז זייא אבער נישט געלונגען צוא ענדיגין

זייער ארבעט אונ דיא געבייידע איז געבליבען פאר אשטאל פון בהמות.

דיא צווייא לייט פון זייער חברה, ר׳ ליב רובין אונ פישל סאלימאנן, וויא אזויא זייא זיינען זיך אין אנפאנג באנאנגען קלוג אונ פארזיכטיג, האבין זייא דאך אם ענדע געטאהן זייער איין גרויסען פעהלער דער מיט, וואס זייא האבען באלד ארויס געריפען זייער חברה צוא זיך נאך איידער דער קאנטראקט איז רעכט פארטיג געווארין אונ נאך איידער זייא האבין אויס געבויט דיא דירות. דען אלס דער פאשא האט זיך דער וואוסט אז דיא קאלאניע איז איבער געגאנגען צוא אנדערע הענד (צוא 7 פאמיליען) וועלכע האבען דארט שוין אנגעהויבין צוא בעארבעטין דיא ערד אונ צוא בויען דירות נאך איידער זייער קאנטראקט איז דארויף פארטיג געווארין, וויא עס פיהרט זיך אין דער טירקיי, האט ער זיי באלד געשטערט אין דער מיט פון זייער ארבעט. דאן האט אנגעטראטען זייער אביטערע צייט פאר דיא קאלאניסטען, קיין דירות האבען זייא ניט געהאט, האבין זייא געמוזט אלע זיצען אין דער פינסטערער חורבה, דיא קאסע האט זיך ביי זייא שוין אנגעהויבין אויס ליידיגען, דער מאנגעל אין אלעם האט זיך ביי זייא אנגעהויבין שטארקין אונ פאר גרעסערין פון טאג אויף טאג, דער פון האבין זיך צוא זייא אנגעהויבין צוא טשעפען פאר שידענע קראנקהייטין אונ איין פרויא פון זייא איז טאקי פון דער וועלט געגאנגען אין איהר פריהעסטער יוגענד. צוא דיא אלע צרות האט זייא נאך בעאונרוהיגט איין שרעקליכער צופאל וועלכער האט זיך ביי זייא געטראפען: איין ווארשאווער יונגער מאן האט אמאל אראב געבלאנדזעט פון דעם וועג אונ האט זיך שטארק איבער געשראקען פאר עפעס איין זאך וואס עס האט זיך איהם אויס געוויזען, אונ איז דער פון אריין אין איין טיפער מעלאנכאליע (מרה שחורה), אונ אלס דיא קראנקהייט האט זיך אויף איהם געשטארקט האט ער זיך איבער געשניטען דעם האלז מיט איין חלף... באלד האבין זיך געפונען אין צפת אזעלכע מוסרים וועלכע האבין אב דער ציילט דער רעגירונג דעם שקר אז דיא קאלאניסטען האבין געקוילעט דעם יונגען מאן, אונ באלד האט מען אלע קאלאניסטען געשמיט אין קייטין אונ אן שום חקירה ודרישה האט מען זייא איינגעזעצט. עס איז אבער זיי ניט לאנג אויס געקומען צוא זיטצען אין תפיסה, דען באלד האבען זיך פון דעם אומגליק דער וואוסט דיא ארענטליכע יודען פון צפת אונ דורך דער הילף פון ר׳ יעקב חי מיט אנדערע זיינען דיא קאלאניסטען באפרייט געווארין פון דעם בלבול אונ האבין זיך צוריק אומגעקערט צוא זייערע פעלדער. נאר זייער ביטערע לאגע איז אבער נאך ערגער געווארין וויא פריהער. דער גרויסער נארטין וועלכען זייא האבין געפלאנצט, איז פארוויסט געווארין, דאס ביסעל ערנטע וואס זייא האבין אראב גענומען פון דיא פעלדער איז פאר פוילט געווארין אונ דאס אומגליק האט זייא פאר פאלגט אהן אויפהער. אין אזא ביטערין שטאנד האבין זייא

זִיךְ גֶעפוּנֶען בִּיז דֶעם יָאהר תרמ״ה, וֶוען דִיא חובבי ציון זַיינֶען זַייא אָנְגֶעקוּמֶען צוּא הִילְף אוּנ הָאבִּין אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּא מַאכֶען נַייֶע אָרְדֶענוּנְגֶען אִין זַייעֶר קָאלָאנִיֶע.

יֶעצְט וֶועלִין מִיר בַּאטְרַאכְטֶען וָואס ה׳ ווּיסאצקי הָאט אוֹיפְגֶעטָאהן אִין פאלעסטינא נָאךְ דֶעם וִויא עֶר הָאט גֶעפוּנֶען דִיא דְרַייא קָאלָאנִיֶעס אִין אַזַא בִּיטֶערִין שְׁטַאנְד.

ד

אַלְס ה׳ וו. הָאט צוּא גֶעזֶעהן דֶעם שְׁטַאנְד פוּן דִיא דְרַייא קָאלָאנִיֶעס אוּנ אַלְס עֶר הָאט רֶעכְט נָאךְ גֶעפָארְשְׁט אוּנ נָאךְ גֶעקְלֶערְט אִיבֶּער דֶעם גַאנְצֶען עִנְיָן פוּן דֶער קָאלָאנִיזַאצִיֶע, הָאט עֶר זִיךְ קוֹדֶם כָּל פָארְגֶענוּמֶען צוּא זֶעצֶען אִין פאלעסטינא אַוַעד הַפּוֹעֵל, וֶועלְכֶער זָאל פֶערְווירְקְלִיכֶען דָאס אַלֶעס וָואס דִיא חובבי ציון וֶועלִין צְווישֶען זִיךְ בֶּעשְׁלִיסֶען. עֶר הָאט בַּאלְד אָנְגֶעהוֹיבִּין צוּא זוּכֶען אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשִׁין וָואס זָאלִין זַיין פֶיהִיג צוּא אַזַא גִיֶעהֶרְטֶע אוּנ שְׁוֶוערֶע אַרְבַּייט; אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשִׁין וֶועלְכֶע זָאלִין עֶרְפִילֶען פָאלְגֶענְדֶע פּוּנְקְטֶען: 1) זָאלֶען זַיין בְּרַאוֶוע לַייט אוּנ נִיט אַבְּהֶיינְגֶען פוּן קֵיינֶעם; 2) זָאלִין לִיבֶּען דֶעם גֶעדַאנְקֶען פוּן דֶער קָאלָאנִיזַאצִיָאן, זָאלִין זַיין פְּרַאקְטִיצִירְט אִין דִיא פְּרָאצֶעסִין פוּן גֶעלְד זַאכֶען אוּנ זַיין גֶענִיט אִין דִיא לַאנְדֶעסְגֶעזֶעטְצֶע; 3) זָאלִין בַּאקַאנְט זַיין מִיט דִיא בֶּעאַמְטֶע פוּן דֶער רֶעגִירוּנְג אוּנ מִיט דִיא מְיֶעקְטְנַא נַאטְשַׁאלְסְטְוָוא; 4) זָאלִין גֶעדוּלְדִיג עֶרְטְרָאגֶען דִיא לַאסְטֶען פוּן דִיא קָאלָאנִיסְטִין, זָאלִין וִויסֶען וָואס זַייא פֶעהלְט אוּנ צוּא אַיילֶען זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אִין דֶער צַייט זַייא צוּא הֶעלְפֶען; 5) צוּא גֶעבֶּען רֶעכְט הַשְׁגָּחָה אוֹיף דִיא קָאלָאנִיסְטִין אַז זַייא זָאלִין וֶוערְטְה זַיין צוּא טְרָאגִין אוֹיף זִיךְ דֶעם נָאמֶען, דֶער מִיט וָואס זַייא זָאלֶען בֶּעאַרְבֶּעטִין דִיא עֶרְד מִיט זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע הֶענְד אוֹיף וִויפִיל עֶס אִיז נָאר מֶעגְלִיךְ; אוּנ: 6) זָאלִין זַייא זַיין פַאר וֶועג וַוייזֶער צוּא דִיא נַייֶע עֶמִיגְרַאנְטֶען וָואס קוּמֶען אָן אִין פאלעסטינא, וֶועלְכֶע זַיינֶען מַייסְטֶענְס, בַּעֲלֵי מְלָאכוֹת אוּנ אַרְבַּייטְסְלַייטֶע, אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשִׁין קֶען דָאס קָאמִיטֶעט רֶעכְט הֶעלְפִין צְוַואר נִיט מִיט גֶעלְד נָאר מִיט גוּטֶע עֵצוֹת, וָואס עֶר וֶועט זַייא אָנְוַוייזֶען וואו זַייא זָאלִין זִיךְ בַּאזֶעטְצֶען אוּנ וִויא אַזוֹיא אוֹיף צוּא פִיהרֶען זִיךְ אִין דֶער עֶרְשְׁטֶער צַייט. אוּנ אַזוֹיא וִויא דָאס קָאמִיטֶעט נֶעמְט דָאךְ אוֹיף זִיךְ דִיא פֶערְאַנְטְוָוארְטְלִיכְקֵייט אוֹיף זַיין אַרְבֶּעט פַאר אַלֶע יוּדֶען, אוּנ דָאס הָאט ה׳ וו. גוּט פַארְשְׁטַאנֶען, דַארְבֶּער הָאט עֶר זִיךְ פִיל בֶּעמִיהֶט אוֹיף צוּא זוּכֶען אַזַא מֶענְטְשִׁין וָואס זָאל קֶענֶען עֶרְפִילֶען דִיא אַלֶע פּוּנְקְטִין אוּנ זָאל שְׁטֵיין אִין דֶער שְׁפִּיטְצֶע פוּן דֶעם קָאמִיטֶעט. עֶר הָאט אָבֶּער קֵיין אַנְדֶערִין נִיט גֶעפוּנֶען אוֹיסֶער דֶעם גִיֶעהֶרְטֶען מַאן ר׳ אברהם מאיאל ז״ל, אוֹיף וֶועלְכִין אוֹיךְ דֶער ״בֶּעוואוּסְטֶער נָדִיב״ הָאט זִיךְ פַארְטְרוֹיעֶט. ה׳ מאיאל הָאט

איינגעוויליגט אויף דעם פארטראג פון ה׳ וו. צו נעמען אויף זיך די שווערע ארבעט, און פון דעמאלט אן, זייט ה׳ מאיאל האט אויף זיך גענומען די טרחה איז גאר קיין עק ניט געוועזין צו די פיעלע טובות וואס די קאלאניזאציאן האט דורך איהם באקומען, וויא מיר וועלין דאס באלד דער ציילען.

דורך די ידיעות וואס ה׳ וו. האט צו זאמען גענומען אין דער צייט וועהרענד ער איז געזעסען אין פאלעסטינא, האבען די חובבי ציון געפונען פאר נייטהיג צו טאהן לע״ע נאר פאר די דרייא קאלאניעס, פון וועלכע מיר האבין דא פריער גערעט, אום צו בעווארענען זייא זאלין חלילה ניט אונטער גיין, און דאן וועט מען אויך קענען טראכטען פאר נייע קאלאניעס. אין די 3 מאנאט וואס ה׳ וו. איז געזעסין אין פאלעסטינא, איז אנגעקומען קיין יפו פון פארשידענע ערטער געלט, נעמליך: געגען א 10 טויזענד פראנק וואס מען האט איבער געגעבין צום געהערטען דעלעגאט ער זאל עס פער־טהיילען צווישען די קאלאניסטין, טאקי ווייל זייא זיינען שטארק גיאיינגט גיוועזען אין געלט; און צווייא טויזענד רובל וואס מען האט פריער ארויס געשיקט דורך איין באזונדער מענטשין ר׳ בייניש מאנפערל, און נאך דעם איז עס איבער געגאנגען צו ה׳ וו. ער זאל עס אוועק געבען די קאלאניסטען אין יסוד המעלה. ה׳ וו. האט אליין באזוכט אלע קאלאניעס און האט אין יעדער קאלאניע געהאלפען די קאלאניסטען מיט געלט וויא פיל עס איז נאר מעגליך געוועזין פאר די חובבי ציון, און ווען ער האט גיענדיגט זיין שליחות האט ער זיך בשלום אומגעקעהרט צוריק אהיים גאנץ צופרידען פון זיין רייזע.

יעצט לאמיר נאר באטראכטען וואס ה׳ מאיאל ז״ל האט געטאהן פאר די קאלאניעס נאך דעם וויא ה׳ וו. האט איהם איבער געגעבין די אדמיניסטראציע אויף זייא (אים חודש אב תרמ״ה). דורך די פארמיטלונג און טהעטיגקייט פון ה׳ מאיאל האט די קאלאניע „פתח תקוה" שוין באקומען אפנים פון איין קליין שטעטיל. ווער עס האט זיא געזעהן מיט איין יאהר צוריק און זעהט זיא אויך היינט מאכט ער געוויס די ברכה: ברוך מציב גבול אלמנה! ער וואונדערט זיך אויף די חובבי ציון און אויף זייער וואהלטהעטיג ווערק וואס זייא האבין אויס געפיהרט אויף דער קאלאניע, דען אין אקורצער צייט איז געלונגען די קאלאניסטין צו בעלעבען זייער פארלאזטע קאלאניע אויף דעם בעסטין אופן. עס זיינען דארט שוין אויפגעבויט שיינע הייזער נאך דעם איירָאפּעאישען געשמאק און איין מאסע קאלאניסטען ארבעטען אויף די פעלדער פלייסיג און פריילהיך. ה׳ מאיאל האט פאר זייא אויך געקויפט פערד מיט מויל איזלען, אקסען און קיא, כלים צום אקערבויא און זאמען צום פארזייען די פעלדער: אויך די לופט איז שוין דארט ניט מעהר שעדליך און דאס פיעבער האט זיך אין פאריגען יאהר

מעהר ניט געוויזען, אונ אויף היינטיגען יאהר, ווען דיא בוימער מיט דיא קאליפטוסען וואס מען האט פאר זעצט, וועלין אויס וואכסין, וועט שוין דיא לופט דארט אין גאנצען אויס גערייניגט ווערין. עס ווערט זייא נאך אויך אויס געטהיילט פון דיא חו״צ אין באשטימטע צייטען ברויט צום עסען מיט געוויסע סומען געלט. ה׳ מאיאל האט נאך געטאהן דאס זייניגע וואס ער האט גיקענט אויס פיהרען: ער האט זיך באמיהעט איין צוא שטילען דעם כעס פון דער מיעסטנא נאטשאלסטווא אויף דער קאלאניע אונ זיין מיהע איז ניט געוועזין אומזיסט. דיא קאלאניסטען אין יסוד המעלה האט דער זעליגער ה׳ מ. אריבער געשיקט מיט איין עקסטרא מענטשין דרייא טויזענד פראנק אויף דיא ערשטע נייטיגע זאכען וואס עס האט זייא געפעהלט.

אויך האט זיך פון דעמאלט אן אנגעהויבען צוא פארבעסערין דיא לאגע פון דיא בילו-צעס אין נדרה. אים מאנאט אקטאבער 1885 האט ה׳ מ. געקויפט פאר יעדען קאלאניסט איין פערד, איין אראביש-פראנצויזישען פלוג, וועלכער ווערט איין געשפאנט מיט 1 פערד אונ 7 פראנצויזישע פלוגען פון וועלכע יעדער פלוג גייט מיט 2 פערד, אונ צוא איינציגע פוהרען (עגלות) פאר צווייא קאלאניסטען.

א סך גוטע זאכען האט דער טייערער מענטש גיקענט טאהן פאר ישוב ארץ ישראל, פיעל פלאנען האט ער פארדענקט ביי זיך אין קאפ צום וואהל פון דער קאלאניזאציאן, נאר דער אומערבארעמדיגער טויט האט לײדער איין ענדע געמאכט דעם לעבען פון דעם טייערין מענטשין אין זיינע בעסטע מיטעל-יאהרען, צוא דיא שמערצין פון דיא קאלאניסטען אונ פון אלע חובבי ציון. וויא אזויא ה׳ מאיאל ז״ל איז געוועזין איבער געגעבין צוא דער אידעע פון ישוב א״י קען מען זעהן דער פון, אז אין דעם לעצטען טאג פון זיין לעבין, וועהרענד דיא בראנד האט שוין ארום גענומען זיין גאנצען קערפער אונ דער פארשטאנד האט איהם שוין אויך ניט געדינט, דאך האבען זיינע ליפען ניט אויף גיהערט אלץ צוא שטאמלען דיא ווערטער וואס באטרעפען נאר דער קאלאניזאציאן אונ ער האט באפוילען: „צוא אונטער שטיצען דיא קאלאניסטען... צוא קויפען פאר דיא בילו-צעס... צוא קויפען פעלדער פאר נייע קאלאניסטען... צוא ריידען מיט דעם פאשא וועגען דיא ערלויבניסע צוא בויען נייע הייזער... צוא פלאנצען גערטנער... וואס טוען איצט דיא חובבי ציון?... גאט וועט זיך נאך ערבארעמען איבער זיין פאלק... דער פונק „יוד" וועט קיין מאל ניט פאר לאשען ווערין"... אונ מיט דיא ווערטער האט ער אויסגעהויכט זיין לעצטען גייסט צוא גאט. — זיין נאמען דער מאנען עד היום אלע קאלאניסטען מיט עהרע פורכט אונ מיט איין דאנקבארען געפיהל, ווייל ער האט זייא אין אלע צייטען געהאלפען פון זייער נויטה. דיא סומען געלד וואס דער זעליגער מאן האט באקומען פון דיא

חובבי ציון דורך ה׳ ערלאנגער פון פאריז אויף צוא פאר טהיילען צווישען דיא קאלאניסטען אין פ״ת, גדרה, אונ אין יסוד המעלה, זיינען באשטאנען פון 72,000 פראנק אדער: 28,843,62 רובל.

* *
*

יעצט וועלין מיר פארשטעלען אונזערע לעזער דעם שטאנד פון דיא קאלאניסטען אין דיא זעלבע דרייא קאלאניעס פון דער לעצטער צייט אין וועלכער מיר שרייבין דיא שורות, ד. ה. כסלו תרמ״ז; אונ נאכהער וועלען מיר אונז ווענדען צוא דיא איבעריגע 4 קאלאניען וועלכע זיינען אונטער דעם שוטץ פון דעם בעוואוסטען נדיב.

גדרה. דורך דעם פלוצליכען טויט פון ה׳ מאיאל האבין היינטיגעס יאהר דיא קאלאניסטען זיך פארשפעטיגט אויף איין גאנצען חודש צוא פאר זייען זייערע פעלדער. אויף איין שטרעקע פון 197 דונאם ערד האבען זיא פארזייט ווייץ מיט גערשטען, אונ אויף 320 דונאם האבין זיא פארזייט סומסימין. אויסער דיא זומערדיגע אונ ווינטערדיגע תבואות האט זיך נאך יעדער קאלאניסט פארזעצט 58 איילבערטין. ווייגשטאקען האבין היינטיגען יאהר פארזעצט נאר יענע קאלאניסטען ביי וועלכע עס איז אין פאריגען יאהר ניט געראטין דיא 800 צווייגליך וואס זיא האבין געהאט פארזעצט. אויך דיא ברידער סאליציאנסקי האבין איינגעזעצט אויף 60 דונאם 1800 ווייגשטאקען פון חברון אונ 5500 ווייגערבליך פון פראנקרייך. אויסער דעם האבען דיא זעלבע ברידער נאך פארזעצט 300 איילבערטין מיט 100 פייגענביימער. אויף דעם קינפטיגען יאהר קענען דיא בילו-צעס ניט האפען אויף גאר אפיינעם אורזאשיי איבער פאלגענדע אורזאכען: 1) זייא האבין מיט איין חודש שפעטער פארזייט; 2) דיא אראבער וועלכע האבין ביי זייא פריער אבגעדונגען דיא פעלדער האבען זייא איין תל געמאכט פון דער ערד; 3) זייא האבען ניט געהאט מיט וואס אויס צוא מיסטיגען זייערע פעלדער; 4) זייא האבען ניט מיט וואס אראב צוא פיהרען דיא תבואה פון דיא פעלדער אין דיא אמבארען; 5) יעדער קאלאניסט דארף האבין 6 פוהרען, אונ ווען דיא חובבי ציון זאלין זייא קענען ערפילען דיא לעצטע דרייא זאכען וואלטען זייא געמעגט האפען אויף איין גערעטעניש אינ׳ם קינפטיגען יאהר. צוואר מעלדעט מען אין דער צייטונג „הצבי״ גליון ג׳ אז דיא קאלאניסטען אין גדרה האבען ניט לאנג שוין געקויפט אגרויסען הויפען מיסט אונ וועלין אויפען קינפטיגען יאהר אויס מיסטיגען איין גרויסען טייל פון זייערע פעלדער אונ דאן וועט שוין אויך זייער תבואה בעסער געראטען.

אין נדרה געפינען זיך יעצט 15 קאלאניסטען, פון זייא: 10 בחורים אונ 5 בעווייבטע. נפשות: 26.

א״ק

פתח תקוה. אין פ״ת אונ אין איהר אבטהיילונג „יהודה״ געפינען זיך אין דער לעצטער צייט 50 פאמיליען אחוץ צוייא רייכע פאמיליען וועלכע האבין געדונגען אראבער זייא זאלען פאר זייא ארבעטין. נפשות זענען דא: 274, עס געפינען זיך 18 גרויסע אונ גוטע הייזער אין יהוד אליין אונ 32 הייזער (פון זייא 18 הייזער וועלכע זיינען געבויט געווארען פאר דעם געלד פון דיא חובבי ציון) אין פתח תקוה, אחוץ זייער איין שיינע שול. אין יהוד געפינט זיך איין באזונדערער ברונעם וואס דיא קאלאניסטען האבען אויס געגראבען אויף 46 מעטער דיא טיעף (65 ארשין) אונ איין דאמפף פאמפע אויף צוא שעפען וואסער; אונ אין פתח תקוה איז דא איין ברונען פון 26 מעטער (37 ארשין) דיא טיף, פון וועלכען מען ציהט ארויס דאס וואסער דורך איין פערד מאשין. אין דער קאלאניע געפינען זיך 70 אקסען, 35 מעלקענדיגע קיא, 35 פערד, 6 מויל אייזלען, 4 אייזלען, 2 קאמעלען.

ניט קוקענדיג וואס דיא קאלאניסטען פון פ״ת זיינען ארטהאדאקסיש אונ שטארק פרום זיינען זייא דאך שטארק פלייסיג צוא דער ארבעט, עס איז זייא נאר שלעכט וואס זייא זיינען זייער ארעם אונ ליידער האבען ניט דיא חובבי ציון אזויא פיל מיטעל אום זייא צוא פאר העלפין מיט אלעם וואס זייא פעהלט, וויא למשל: בוימער, כלים, מאשינען, בהמות, לעבענסמיטלען ביז צוא דער נייער ערנטע, וואס דאס אלעם דארף קאסטען געגען א 15 ביז 20 טויזענד רובל, דאן וואלט מען גיקענט ערווארטין פון דער קאלאניע איין גוטע צוקונפט, ווייל איהר ערד איז פעט אונ גוט אונ דיא ארבעטער זיינען ניט קיין פוילע מענטשען.

ביא איינינע קאלאניסטען פון פ״ת איז היינטיגם יאהר דיא תבואה ניט אם בעסטען נאר ביא דיא מייסטען פון זייא איז דיא תבואה יא געראטין, אזויא אז מען שאצט זיא אב אויפין קינפטיגען יאהר געגען איין סומע פון 40 טויזענד רובל.

יסוד המעלה. אין דער קאלאניע געפינען זיך לע״ע 7 פאמיליען פון 33 נפשות אונ ווען גאט וועט געבען אז זייא וועלין האבין היינטיגם יאהר איין גערעטעניש וועלין זיך אהער אריבער ציהען אויך דיא איבעריגע מענטשען פון זייער חברה וועלכע זיצען נאך לע״ע אין רוסלאנד.

נאך דיא פילע צרות וואס דיא קאלאניסטען זיינען אויס געשטאנען איז שווער זייא זאלין אזויא גיך אויף קומען מיט אמאל, נאר צו ביסליך פאר בעסערט זיך שוין זייער לאגע. דיא חו״צ האט אב געצאהלט זייערע חובות, האט געקויפט יעדען קאלאניסט איין פאר אקסען מיט נאך אנדערע נייטיגע זאכען. א סך פעלדער זיינען שוין פארזייט מיט תבואה. אויך אן דעם גארטען האט מען ניט פארגעסן. אויף פיל ערטר פון דר קאלאניע האט מען שוין פאר

זעצט בוימער אונ לויט דער „הצבי״ גליון ד׳ מעלדעט, האפען די קאלאניסטען אז באלד וועלען זייא געהאלפען ווערען פון אלע זייערע צרות, אונ זייער קאלאניע וועט געשטעלט ווערין אויף איין פעסטען פונדאמענט. געבע גאט זייער האפענונג זאל ריכטיג ערפילט ווערין.

ה

אצונד, לעזער, וועלען מיר דורך גיין די געשיכטע פון די איבעריגע 4 קאלאניעס וועלכע געפינען זיך אונטער דעם שוטץ פון דעם „בעוואוסטען וואהלטהעטער״, אונ בעטראכטען דעם שטאנד זייערין אין דער לעצטער צייט. דיא פיער קאלאניעס הייסען: 1) „זכרון יעקב״; 2) „ראשון לציון״; 3) „ראש פנה״ אונ 4) „עקרון״.

זכרון יעקב. די קאלאניע „זכרון יעקב״ אדער וויא זיא האט פריער געהייסען „שמרון״, איז געגרינדעט געווארין דורך עלף יודישע פאמיליען פון רומעניען וועלכע דאס גאלאטצער צענטראל קאמיטעט האט אים חודש אלול תרמ״ב ארויס געשיקט, אונ אין אנהויב חודש תשרי תרמ״ג איז ארוים דורך דער פאלמאכט פון דעם צענטראל-קאמיטעט דער קאנטראקט אויף דער קאלאניע פאר איין סומע פון 46 טויזענד פראנק, אויסער די פינף טויזענד פראנק וועלכעס האט געקאסט אום צוא מאכען דעם קאנטראקט אויף דעם נאמען פון דעם פרעזידענט פון דעם צענטראל קאמיטעט, דעם זעליגען ר׳ יצחק לעבעל.

די קאלאניע געפינט זיך אין דעם חלק פון שבט מנשה, 2 1/2 שעה גאנג פון דעם מיטעל-לענדישען מעער אונ זעכס שעה פון דער קלייגער האפענס-שטאט חיפו. זיא שטייט אויף זייער איין הויכען בארג, וועלכער, צוזאמען נאך מיט עטליכע בערג איז בעקאנט אונטער דעם נאמען „כרמל״. אויך איז צוא געפאלען דער קאלאניע איין גרויס שטיק ערד אין דעם אראבישען דארף „טאנטורי״ וועלכעס ליגט ביים ברעג פון ים. די צרות וואס די ערשטע קאלאניסטען זענען דא אויס געשטאנען, האבען מיר שוין אויבען געשילדערט, דאריבער וועלען מיר עס דא נישט ווידער האלען אונ וועלען בעסער נאכשפירען ווייטער, פון דער צייט וואס די קאלאניע איז ארונטער געפאלען אונטער דער שוטץ פון דעם וואהלטהעטער (אים ענדע יאהר תרמ״ג) דורך דער פערמיטלונג פון ה׳ וועגעציאני אונ דעם אבער ראבינער פון פאריז, הרב הג׳ ר׳ צדוק הכהן.

אים תשרי תרמ״ד איז אנגעקומען קיין חיפו איין שליח פון דעם וואהלטהעטער, ה׳ אליהו שייד. זיין ערשטע ארבעט איז געוועזען צוא בעשטעלען פאר יעדען קאלאניסט חודש געהאלט צוא 12 פראנק (די

שכירות וועלען זייא נאך היינט אויך אויס געצאהלט) , אונ אראב צוא בריינגען אין דער קאלאניע איין ארצט , איין אפאטהעקער , איין גערטניער איין פראנצויז אונ איין יודישען לעהרער פאר דיא קינדער פון דיא קאלאניסטען . מען האט אויך אנגעהויבען צוא מאכען וועגען אין דער קאלאניע , אוים צוא שטעלען דער וייל איינפאכע הייזער פאר דיא וואס ארבעטען אין פעלד , צוא מאכען אייוועגס אויף צוא ברענען ציגעל אונ ציגעלאפען אונ אוים צוא האקען שטיינער צו פערשידענע בנינים . געגען אדרייא מאנאט איז ה׳ שייד אב געזעסען אין דער קאלאניע אונ איידער ער האט זיא פערלאזט , איז אהין אנגעקומען ה׳ יהודה ליב ווארמזער , וועלכען דער נדיב האט געמאכט פאר דעם אדמיניסטראטאר איבער דער קאלאניע . נאך וועז ה׳ שייד איז געוועזען אין פאלעסטינא האט מען שוין אנגעהויבען צוא בעמיהען זיך אויף צוא בעקומען איין ערלויבעניש פון דער רעגירונג אויף צוא בויען הייזער , אונ ה׳ ווארמזער האט דיא ערלויבניסע בעקומען מיט דעם תנאי אבער , אז דיא קאלאניסטען זאלען ווערין טירקישע אונטערטאהנער . באלד האט מען אנגעהויבען אין דער קאלאניע צוא בויען אכט שטיינערנע הייזער , נאר פלוצים זיינען זייא געשטערט געווארען אין דער ארבעט דורך דיא טירקישע בעאמטע , אונ דאס איז דיא אורזאכע דער פון : אין דיא טירקישע געזעטצע שטייט פאר שריבען , אז ווען איינער שטארבט אהן יורשים גייט איבער זיין אייגענטהום צוא דער קרוין אויף עוויג , אונ אזויא וויא דער ר׳ יצחק לעבל , אויף וועלכענס נאמען מען האט געקויפט דיא קאלאניע , איז געשטארבען אונ האט ניט געלאזט נאך זיך קיין יורש דארף אלזא דיא קאלאניע איבער גיין צוא דער רעגירונג . קוים איז דיא ידיעה אנגעקומען קיין פאריז , איז באלד ארוים געשיקט געווארען ה׳ שייד צוריק קיין פאלעסטינא , אונ נאך פיל מיהע איז איהם ענדליך געלינגען ארוים צוא נעמען דיא קאלאניע פון דער רעגירונג אונ זיא אריין צוא בריינגען אין איהר אייגענעם רשות אונ צוא בעקומען צוריק דיא ערלויבניסע צוא בויען דארט הייזער . אונ וייל ה׳ שייד האט ניט געוואלט עס זאל לאנג געדויערין דיא ארבעט פון צוא בויען דיא הייזער , האט ער געקויפט אין רומעניען זעכציג הילצערנע שטיבער אונ האט זייא געבראכט אין דער קאלאניע . אים ווינטער תרמ״ה האט מען זיך גענומען צוא זאמען שטעלען דיא הילצערנע הייזער אונ נאך פסח האבען זיך דיא פאמיליען פון דיא קאלאניסטען ארוים געצויגען פון דער שטאט אין דער קאלאניע אריין .

„זכרון יעקב״ ליגט אויף איין הויכען בארג וואס פון ביידע זייטען קוקט ארוים דער ים מיט זיין גאנצען פראכט ; זיא ענטוויקעלט זיך אין איין פיינער ארדענונג , אין דער פארם פון איין לאנגער גאס געווענדעט צוא דיא זייטען פון צפון אונ דרום . אויף דער „גאס״ זיינען אוים געבויט 54 הייזער , פון זייא

50 הילצערנע צוא איינציגע דירות אונ פיער שטיינערנע צוא 2 דירות אין יעדען הויז. מען האט שוין דארט אויך אויף געבויט: איין שול, אשולע, איין שטוב פאר דעם אדמיניסטראטאר אונ איין שטוב פאר דעם גערטנער. דיא גאס איז לאנג 600 מעטער אונ 20 מעטער דיא ברייט. יעדע פאמיליע האט זיך איין דירה פון צוייא צימער א חוץ דיא אלגעמיינע קיך וועלכע איז אוים געבויט פון שטיינער אויף דעם הויף; אונטער יעדער שטוב איז דא אבריימער הויף, אשטאל פאר בהמות אונ שאף אונ אגארטין פון 150 מעטער דיא ליינג אונ 20 מעטער דיא ברייט. אלע הייזער פון דער קאלניע זיינען ארומגענומען מיט שיינע גראבענס וועלכע זיינען געקניפט אונ געבונדען איינער אן דעם אנדערין אונ ווייזען אוים וויא אלאנגע קייט וועלכע ליגט אוים געצויגען אויף דער גאנצער ליינג פון דער גאס. אט דאס איז דיא קאלאניע, אדער בעסער צוא זאגען דער הויפט-טהייל פון איר. צוויי לאנגע וועגין ציהען זיך אין איהר אין דער ברייט, פון וועלכע איינער פיהרט צום צווייטען טהייל פון איהר (פון דער קאלאניע), וועלכער הייסט נאך היינט אויך „שמרון". דארט געפינען זיך 5 שטיינערנע הייזער פון 13 דירות, אונ דער אנדערער וועג, וועלכער ווייזט אוים וויא אפארטזעצונג פון דער גרויסער גאס, פיהרט צום דריטען טהייל פון דער קאלאניע, אין וועלכע עס געפינען זיך 6 הילצערנע הייזער מיט אשטיינערן הויז. אין גאנצען האט דיא קאלאניע 71 הייזער פון 83 דירות שוין מיט הייזער פון דעם דאקטאר, אפאטהעקער, אקושערקע, דעם לעהרער פון פראנצאזיש, דעם רב'ס, דעם שוחט'ס אונ דעם מלמד'ס. דיא אפאטהעקע געפינט זיך אין דעם הויז פון דעם אדמיניסטראטאר. אין דעם יאהר תרמ"ו האט מען פארזעצט אויף דיא זייטען פון דער „גרויסער גאס" אונ אויף דיא זייטען פון דיא איבעריגע וועגען, פיעל בוימער, צווישען זייא אויך איניגע אויף צוא פלאדען דיא ווערימלאך וואס שפינען דאס זיידענס, אין גיכען וועט מען אנהויבען דיא קאלאניע צוא בעלייכטען מיט גאז בעלייכטונג. אין דער קאלאניע געפינען זיך אויך קוואלען וואסער, פון זייא איז דא איין קוואל וואס האט אין זיך גאר אסך וואסער אונ איצט איז מען באשעפטיגט איהם צוא רעכט צוא מאכען. סך הכל געפינען זיך אין דער קאלאניע 382 נפשות, פון זייא 183 מענער אונ 191 פרויען. אין דעם 1883-טען יאהר זיינען דארט געבוירען געווארין 4 קינדער; אים 1884—18 קינדער, אים 1885—12 קינדער. געשטארבען זיינען דארט אין 1883—3 נפשות; אין 1884—5 נפשות. אין 1885—9 נפשות. דיא שולע בעזוכען 5 שילער. העבראאיש לערינט מיט זיי דער רב פון דער קאלאניע אונ אמלמד פון טבריה. דיא למודים באשטעהען פון: באוונען, פארטייטשען דיא תפלות, דקדוק, תנ"ך, משניות, גמרא אונ

איינציגע פרקים פונם שלחן ערוך. פראנצאזיש לערינט דער וייל מיט די שילער אזון פון די קאלאניסטין, נאר באלד וועט אראפ קומען איין באזונדער לעהרער אויף דעם פרעדמעט. אין ניכען וועט זיך אויך עפענען אין דער קאלאניע אשולע פאר מיידלאך אין וועלכער געגען א 30 מיידלאך זיינען שוין צוא געגרייט אריין צוא טרעטען. די אלע געשעפטען פון דער קאלאניע ווערין באשטעטיגט דורך אבאזונדער קאמיטעט פון 9 מענטשען וועלכער הייסט „בני איש אחד" וועלכע די קאלאניסטען האבין פון זיך אויס געקליבען, און זיי מאכען שלום צווישען די וואס צוא ווערטלען זיך אמאל און באשטראפען די יעניגע וואס האבען זיך אין עפעס פערזינדיגט.

אז די קאלאניסטען געהען אלע מאל ווייטער אין זייער ארבייט קען מען זעהען פון פאלגענדע ציפערן: די קאלאניע האט געגען 600 העקטאר ערד (150 דעסיאטין), פון זיי טויגען נאר 264 צום בעארבייטען. אויך האט זיא 150 העקטאר ערד אויף דעם ארט „נעסלי" וועלכע מען האט נישט לאנג געקויפט. אין יאהר 1884 איז פון זיי בעארבייט געווארין 75 העקטאר ערד; אין 1885 האבען זיי שוין בעארבייט 224 העקטאר, (אין 1883 האבען זיי בעארבייט נאר 30 העקטאר ערד), אויסער דעם זענען זיי נאך איצט באשעפטיגט ביי די 40 העקטאר ערד וועלכע זיי בעארבייטען אין „נעסלי". דאסגלייכען האט היינטיגם יאהר (תרמ"ו) יעדער קאלאניכט בעארבייט זיין גארטען, געפלאנצט פיעל ווייגארטנער און אויסגערייניגט פיעל בערגיגע און שטיינערנע געגענדען, האבען דערפון געמאכט א גלייכען פלאטץ אויף צו פארזעצען דארט ווייגשטאקען, אין גאנצען האבען זייא היינטיגם יאהר דארט פארזעצט 68 טויזענד ביימער, צווישען וועלכע עס געפינען זיך אראבישע און פראנצאזישע צווייגליך אויף ווייגשטאקען, פעריסקעס, נוס, לימאנען, אתרוגים א. ד. ג. און כמעט אלע ביימליך זענין שוין גוט איינגעווארצעלט געווארין אין דער ערד. אין די לעצטע דרייא יאהר האט די אדמיניסטראציע געקויפט: 38 פערד, 183 אקסען, 61 קיא. נישט לאנג האט מען אויפגעשטעלט אין דער קאלאניע א פערד-מיהל, וועלכע איז אבער נאך נישט רעכט פארטיג. די לעצטע צייט איז מען באשעפטיגט אין דער קאלאניע צו צווארפען 13 הילצערנע הייזער און אויפבויען אויף זייער ארט אנדערע שטיינערנע. די לעצטע ווערען געבויעט פאר דעם געלד פון דער אדמיניסטראציע, נאר די קאלאניסטען נעמען אויך א קליינעם טהייל אין די הוצאות. די ארבייט אין שול איגעווענינ איז שוין באלד געענדיגט. די שול אליין איז גרויס און פראכטפאל, זיא הייסט „בית יעקב" און די שולע וואס דא-נעבען הייסט „גוה יעקב". אין דער לעצטער צייט האט די קאלאניע אויפגעבליהט אויף דעם שאנסטען אופן, אומעטום וואו מע קעהרט זיך איז צו זעהען וויא די ערד איז

באדעקט מיט גרינען גראז, דיא טהאלער זענין פול מיט קארן און דיא פעלדער טריפען מיט פעטיגקייט. דיא קאלאניסטען מעגען זיכער האפען אז אויפען קינפטיגען יאהר וועלען זייא האבען א גערעטעניש אין אלעם.

ראשון לציון. דיא קאלאניע וועלכע האט פריהער געהייסען „עין קורא", איז געגרינדעט געווארין אים תשעה באב תרמ"ב פון דיא הערען: ברידער לעוואנטינס, ברידער פיינבערג, הייסמאנן, אבראמאוויטש, פריימאן, אייזנבאנד, חאנקין א. ג. אנד., זייא האבען אויסגעמאסטען איהרע ערד האט זיא געהאלטען 3550 דונאם (לערך 300 דעסיאטין) און האבען א נאמען געגעבען דאס שטיק פלאץ „ראשון-לציון".

איהרע גרענעצין: אין דרומית-מזרחית פון דער קאלאניע אויף 15 ווערסט ווייט, געפינט זיך דיא געריהמטע שטאט יפו; פון מערב זייט פון איהר ציהט זיך דער גרויסער וועג פון וועלכען עס געהען דיא קאראוואנען פון יפו קיין עזה און צוריק; פון צפון און מזרח ציהט זיך דער וועג דורך דעם דארף סאראפענד קיין חברון און קיין ירושלים; און אין דרום זייט געפינט זיך דאס דארף „בית דגון" (Bet Dadjan) אויסער דיא פיעלע קליינע און גרויסע דערפער וואס ליגען ארום דער קאלאניע, וויא למשל: סאפריע, יאדור א. ד. ג.

דיא קאלאניע ענטוויקעלט זיך אויף א הויכען בארג פון 270 פוס איבער דעם גלייכקייט פון דעם ים; מען קען אויך באגעגענען אויף איניגע ארטער שורות קליינע בארגליך וועלכע זענין צושפרייט אין ארדענונג און מיט א גלייכען סיסטעם. ווייל דער ארט פון דער קאלאניע איז א הויכער זעהט מען עס ארויס אויך אויף דיא וועגען וואס פיהרען קיין ירושלים, ראמלה, לוד, יפו א. ד. ג.

וויא נישט פראקטישע מענשען האבען דיא ערשטע גרינדער פון דער קאלאניע געמאכט ביים אנפאנג זעהר פיעל פעהלער. א חוץ וואס זייא האבען זעהר טהייער באצאהלט פאר דער ערד (42,900 פראנק) האט גאר אין גאנצען נישט געטויגט דיא ערד פאר דעם ציעל צו ליעב וועלכען זייא האבען זיא געקויפט, דען זיא איז דורכאויס זאמדיג און שטיינעריג, בערג מיט ליים און גרידעס קאלך האבען זיא באדעקט אין גאנצען אזוי, אז מען האט אויף איהר נישט געקענט פארזאען קיין וויין מיט גערשטען, ווייל דיא ערשטע קאלאניסטין האבען געברענט צו דער ארבייט, האבען זייא פון דיא אלע זאכען גאר ניט געוואלט וויסען און האבען זיך באלד געהאפט צו פארזאען דיא פעלדער, אמת נישט אלע, ווייל זייא האט דערצו געפעהלט געלד און כלים, און דער סוף האט זיך אויסגעלאזט אז במעט וויפיעל זייא האבען פארזאעט איז נישט געראטען. דערצו האט זייא נאך געפעהלט וואסער אין זייער קאלאניע און זייא האבען געמוזט געהן

אלע טאג צו דער קאלאניע „מקוה ישראל" אדער צום דארף „בית דגון" (1/2 1 מייל ווייט) אונ ברענגען זיך פון דארט וואסער. קיין הייזער האבען זיא זיך נאך נישט אויפגעבויעט, אונ זענין געצוואונגען געוועזין, נאך דיא שווערע טאג ארבייט, צו וואלגערין זיך ביא נאכט אויף דער ערד אונטער דעם בלויזען הימעל. דיא ביטערע לאגע זייערע האט זיך פארגראסערט פון טאג אויף טאג, אונ אז עס איז ביטער אויפין הארץ איז מען באז אויף זיך, אויף יענעם, אויף דער גאנצער וועלט, אונ דערפון איז צווישען זייא אויסגעבראכען מחלוקת, מען האט אנגעהויבען ווערין נישט צופרידען איינער פונם אנדערין, אונ דאס האט נאך מעהר פארגראסערט זייער ביטערין שטאנד. אט אין דער לאגע האט זיך געפונען ראשון לציון מיט 4 יאהר צוריק. נאר זייט זיא איז ארונטערגעפאלען אונטער דעם שוטץ פון דעם „באוואוסטען וואהלטהעטער" האט זיא שוין באקומען גאר איין אנדער פנים.

אט וויא אזוי זיא ווייזט אויס אצונד:

ראשון לציון שטעלט פאר מיט איהר פראכטפאלען גלאנץ וויא א איטאליינישע אדער פראנצאזישע ווילע, 26 שטיינערנע הייזער, פיעל פון זייא זענין צווייא שטאקיגע; א שטאל פאר פערד, עזלען, קיא, ביא יעדער הויז. דיא הייזער זענין געבויעט אין צווייא צייל[en], איין הויז געגען אנדערין אונ אין דערמיטט ציהט זיך א שאסע וואס אלע אויף ביידע זייטען זענין געפלאנצט פיעל ביימער וועלכע באשיטצען מיט זייערע צווייגען דיא פארבייגעהענדע מענשין פון דער היטץ. אויך א גארטין געפינט זיך נאך ביא יעדער הויז פון וועלכע עס געהט ארויס א ליעבליכער ארמאט איבער דער גאנצער גאס. דער מאראלישער שטאנד פון דיא קאלאניסטען איז נאך נישט אויסגעבעסערט געווארין, עס פעהלט זייא א שולע מיט א גוטען פעדאגאג, דערווייל לערנען זייערע קינדער ביא א מלמד אין חדר אונ דער למוד געהט צו אין אונארדענונג, טאקע וויא ביא א „מלמד"... אויך קיין שול האבען זייא נאך נישט, אונ דאוונען לע״ע ביא איינעם פון דיא קאלאניסטין, נאר זייא האפען אז באלד וועט מען זיך נעמען צום אויפבויען א שול מיט א שולע, ווייל דער פלאן אויף דיא הייזער איז שוין לאנג צוגעגרייט געווארין פון איין ארכיטעקטאר. א באד מיט א מקוה איז ביא זייא שוין דא. — דיא קאלאניסטין אין ראשון לציון באשטעהען פון 25 פאמיליען וועלכע באשעפטיגען זיך אלע מיט ערד-ארבייט. א חוץ זייא געפינען זיך דארט נאך 2 סטאליארס, 1 שמיד, 1 שוחט וועלכען דיא קאלאניסטין האבען ארא[פ]געבראכט פון ירושלים אונ ער באקומט שכירות פון דעם „וואהלטהעטער" א חוץ וואס מען האט איהם נאך אבגעגעבין א שטוב מיט א גארטען. דער רב פון דער קאלאניע איז דעם אדמיניסטראטארס פאטער, ער איז א גאנץ ערליכער יוד אונ זארגט פאר זיין געמיינדע, ער זעהט צו אויסבעסערין, אויף וויפיעל עס איז מעגליך

זייער מאראלישען שטאנד. שוין באלד א יאהר וויא ער האט איינגעפיהרט אז אלע קאלאניסטען (150 נפשות) דאווענען אלע טאג מיט א מנין און שבת ביי טאג זאגען זייא תהלים; — עס געפינט זיך אין דער קאלאניע איין אפאטהעקע און א דאקטאר פון יפו, וועלכען דער נדיב האט געדונגען קומט 1 מאל אין וואך געוואר ווערין צו דיא קאלאניסטען. — א חוץ וואס יעדער קאלאניסט האט א פערד מיט א עזעל האבען זייא נאך אלע צוזאמען 32 מעלקענדע קיא און א סך עופות.

ווען דיא קאלאניסטען האבען זיך איבערציינגט אין דיא ערשטע יאהרען אז זייער ערד טויג נישט פאר תבואות האבען זייא אויף איהר אנגעהויבען צו פארזעצען ויינשטאקען און צו פערוואנדלען זייער גאנצע קאלאניע אויף א גרויסען גארטען צו פארזעטצען אללערלייא פרוכטביימער נאך זייערע מינים נאך: איילבירטען, פייגען, טייטלען, מאנדלען א. ד. ג. — דערווייל איז שוין פארזעצט ביי זייא מעהר פון 250 טויזענד ויינשטאקען און גענען זעכס ביז זיבען טויזענד איילבירטען, א חוץ נאך אנדערע פרוכטביימער וואס מען פארזעצט דארט אצונד. פאר פסח תרמ״ה איז ביי זייא פארטיג געווארען א גרויסער גארטען נעבען דעם ברונען וועלכען זייא האבען ארויסגעגראבען ביז 42 מעטר דיא טיעף און האבען אויף דער ברונען געשטעלט א דאמפף-פאמפע צו שעפען מיט איהר וואסער. דורך דער פאמפע טרינקען זייא אן דעם גרויסען גארטען מיט דיא איבעריגע גארטנער וועלכע געפינען זיך ביי יעדער שטוב. אויף וויפיעל עס איז אמת דיא האפנונג אז אין גיכען וועט זייער קאלאניע זיך רעכנען צווישען דיא גרעסטע פראנצאזישע און אונגארי׳שע קאלאניען, קען מען זעהען דערפון: אז פיעל פירמען פון אויסלאנד האבען פארגעלעגט דיא קאלאניסטען אין ראשון לציון אוואנסען (פאראויס געלד) וויפיעל זייא דארפען מיט דעם בעדינגונג אז זייא זאלען זייא דערנאך פאר, יפען זייערע פראדוקטען נאך דעם קורס פון יענער צייט. — דיא לופט אין דער קאלאניע איז ריין און געזונדט, דיא ערצטע שיקען אהין פיעל קראנקע וואס לייד ען אויף דער ברוסט זייא זאלען דארט געזונד ווערין. און מערקווירדיג, זייט דיא קאלאניסטען געפינען זיך אין דער קאלאניע איז נאך גאטט זייא דאנק קיין איינציגער פון זייא געשטארבען, עס הערשט דארט נישט קיין ווינטער מיט גרויסע קעלטען; עס גריגען דארט דיא טהאלער אין אלע 4 תקופות פונם יאהר. פיעל מענשען פון יפו ווינשען צו קויפען ערד אין ר״ל, דאריבער איז דארט דיא ערד שטארק טהייער געווארין. נישט לאנג האט מען צוגעקויפט 400 דעסיאטין ערד צו דער קאלאניע וועלכע זענען שוין כמעט אין גאנצען פערקויפט געווארען צו איינציגע מענשען פאר בארעס געלד.

לויט מען מעלדעט דעם „הצבי״ גליון א׳, האט נישט לאנג דיא

א׳ק טירקישע

טירקישע רעגיערונג ארויסגעגעבען קאנטראקטען אויף דיא הייזער פון ראשון לציון (באלד דארף אנקומען אזעלכע קאנטראקטען אויך אויף דיא הייזער פון „יהוד“ אין פתח־תקוה) אונ עס הערט זיך נאך אז דער אדמיניסטראטאר פון ראשון לציון, ה׳ אסאוועצקי האט נאך בעקומען א ערלויבעניש פון דער רעגירונג צו בויען דארט נאך אכט נייע הייזער. דער זעלבען צייטונג גליון ד׳ מעלדעט מען נאך פון ראשון לציון אז: „דיא צייט פון ארבייט האט איצט שוין דארט אנגעטרעטען, דאס גאנצע דארף ווייזט איצט אויס וויא באשאטען מיט מוראשקעס (אמייזען) פון דיא פיעלע פלייסיגע הענד וועלכע באשעפטיגען זיך מיט דער ארבייט. קוים ווערד נאר טאג קלינגט מען אן מיט א גרויסען גלאק אונ גאנצע קאמפאניעס מענשען געהען ארויס צו זייער ארבייט, יעדער צו זיין גארטען אונ צו זיין פעלד. דיא רעכטע ארבייט בעשטעהט פון פלאנצען וויינגארטנער נייע, ביא וועלכע עס באשעפטיגען זיך יעצט זעהר פיעל מענשען, בעלי בתים פון דער קאלאניע אונ פיעל טאגלאהנער, פון גאנץ פריא ביז נאכט. פיעל פון דיא טאגלאהנער זענען יודען. עס איז איצט דארט דא אזוי פיעל ארבייט אז וויפיעל יודען עס קומען זיך צו זייא פארדינגען אויף דער ארבייט נעמט מען זייא אלע גערין צו. דיא פיעל ארבייט האט זיך גענומען דערפון וואס מען האט נישט לאנג פערטהיילט צווישען דיא קאלאניסטען דיא ערד ביא ראשון לציון וועלכע הייסט „עין קורא“ אונ איצט פלאנצען זייא אויף איהר וויינגארטנער פאר זייער אייגען געלד. דיא קאלאניסטען אין „עין קורא“ זענען נישט קיין ארימע לייט, פיעל פון זייא פערמאגען צו דרייא טויזענד רובל אונ זענען אלע געוואהנט צו דער ערד־ארבייט אונ ליעבען זיא.

בכלל קענען מיר זאגען אז דיא קאלאניסטען אין ראשון לציון ערווארטעט א גרויס גליק אין דיא שפעטערדיגע צייטען, ווייל דיא קאלאניע איז נישט ווייט פון דער האפענס־שטאט יפו.

ראש פנה.

אויף דרייא פירטעל שעה גאנג פון צפת אין מזרח זייט, קוקען ארויס צווייא הויכע בערג וועלכע זענען בעקאנט אונטער דיא נאמען: „הרי נפתלי“. דארט, ביים אונטער־טהייל פון איין בארג געפינט זיך דאס אראבישע דארף ני־אוני אונ נעבען דעם דארף איז אים יאהר תרמ״ב געגרינדעט געווארען אויף א בארג דיא קאלאניע וואס דיא גרינדער האבען זיא אנאמען געגעבען „ראש פנה“. דיא קאלאניע ליגט אויף א פיין ארט אונ שטעלט פאר פון ווייט זעהר א שאנע קארטינע; אין דרום זייט פון איהר זעהט מען ארויס דעם

„ים כנרת", אין צפון זייט ליגט דיא זעע „מי־מרום" וועלכע טרינקט אן א גרויסען מיט גראז בדעקטען פלאטץ. אין מזרח זייט פון איהר קוקען ארויס דיא בארג פון יענער זייט ירדן וועלכער איז אויף 2 $^1/_2$ שעה גאנג ווייט פון דער קאלאניע.

26 פאמיליען פון דער שטאדט מינעשטי אין רומעניען, אונ 5 פאמיליען פון רוסלאנד אין וועלכע עס זענען געשטאנען אין דער שפיצע דיא גרינדער: ר' דוב שו"ב, ר' ישראל גאלדענבערג, ר' דניאל בענדלער, ר' מרדכי כ"ץ. דיא אלע האבען געקויפט דיא קאלאניע פאר איינען געלד אונ האבען דארט אויפגעבויעט 19 קליינע געמיינע שטיבליך, ווייל זייא האבען נישט געהאט קיין סך געלד אויף אויסצובויען זיך רעכטע גוטע הייזער. דיא פעלדער זענען א סך ווייטער פון דער קאלאניע אליין (וואו דיא קאלאניסטען וואינען) אונ פארנעמען א שטרעקע פון 3000 דונאם (250 דעסיאטין). פון זייא זענען 2000 דונאם גוט צום אקערן, אונ דיא איבעריגע טויזענד דונאם, ווייל זייא זענען מיט פיעל שטיינער, טויגען זייא לע"ע נישט צום אקערן, נאר צו פאסען בהמות אונ צו פארזעצען ביימער ביז דיא קאלאניסטען וועלען אבריינינען פון דארט דיא שטיינער. דיא ערד איז שווארץ אונ פעט, מען קען אויף איהר פארזאען אלערלייא תבואות, אונ אפילו יענע געוועכסע וואס וואכסען נאר אין דיא ווארימע לאנדער, נעמען זיך דארט אויך אן אויף דעם בעסטען אופן, דער חסרון איז נאר וואס דיא ערד, פונקט אין דער מיט פון דיא פעלדער אין ראש פנה, געהערט צו דיא אראבישע בויערן פון דעם דארף „גי־אוני" אונ דאס איז פאר דיא יודישע קאלאניסטען נישט זעהר אנגענעם. פון דיא „הרי נפתלי" זעצען ארויס 3 לויטערע קוואלען וואסער וועלכע שפרייטען זיך אויס איבער דער גאנצער ערד פון ראש פנה, טרינקען זיא אן אונ מאכען זיא פרוכטבאר. נאר מעהר פרוכטבאר מאכען דיא ערד דיא קאלאניסטען אליין מיט זייערע אייגענע קרעפטע אונ מיט דעם גרויסען חשק צו דער ארבייט.

אויך דיא קאלאניסטען פון ראש פנה איז תחלת באשערט געוועזען אויסצושטעהן צרות. אלס זייא זענען נאר אין דעם ערשטען מאל ארויסגעגאנגען צו דער ארבייט, האט זייא פלוצים געטראפען א שרעקליכעס אומגליק דורך איינעם פון זייערע לייט וועלכע האט אומגערן ערשאסען איין אראבער. דיא אראבער האבען זיך דערפאר געוואלט נוקם זיין אן אלע קאלאניסטען אונ דיזע האבען פאר שרעק געמוזט אנטלויפען קיין צפת. אונ נאכהער, אלס עס איז שוין, נאך שרעקליכע צרות אונ יסורים, א שלום געווארען צווישען זייא מיט דיא אראבער, האבען זייא ערשט אנגעהויבען צו פיהלען פון דער שלעכטער צייט: ארומקייט, הונגער, קעלט, פערשיעדענע קראנקהייטען אונ געוועהנליך אויך מחלוקת האט זייא ארום גענומען פון אלע זייטען. דאך וויא

שלעכט עס איז זייא געוועזען זענען זייא נישט פערצווייפעלט געבליבען אונ האבען זיך נישט אבגעזאגט פון זייער ארבייט. דאס אללעס האט דער נדיב באמערקט אונ האט דאדורך אויך זייער קאלאניע ארונטער גענומען אונטער זיין שוטץ אונ דאנן האבען אויך דיא קאלאניסטען בעקומען נאר נייעם מוטה מיט פרישען כח צו דער ארבייט. אונ כמעט איז נישט צו גלייבען אז געוועזענע מלמדים, קרעמער, בריפטרעגער, האזירער, וועלכע האבען נאר קיין מאל געפריווט זיך באשעפטיגען מיט א פהיזישער ארבייט, זאלען מיט אזוי פיעל ליעבע ערגעבען זיין צום אקערבוי אונ זאלען אין א גאנץ קורצע צייט זיך פערוואנדלען אויף רעכטע בויערן אונ פלייסיג ארבייטען! — אין דער קאלאניע איז דא 32 הייזער — פיל פון זייא זענען שטיינערנע. ביי יעדען הויז — א גארטען מיט א שטאל פאר פערד, עזלען אונ בהמות. עס איז דארט שוין דא א שאנע שול, א שולע פאר קינדער אין וועלכער דער אדמיניסטראטאר ה׳ אשרין לעהרענט מיט זייא יודיש, אונ נאך אנדערע פרעדמעטין לעהרען דיא לעהרער פון דארט. ביים עק פון דער קאלאניע שטעהט א באד מיט א מקוה אויסגעבויעט פון שטיינער. אין דער קאלאניע איז דא 45 פאמיליען (געגען 200 נפשות), אלע זענען ערד ארבייטער חוץ דעם רב מיט דעם שוחט וועלכער בעטרעט אויך דיא שטעלע פון אחזן. צווישען דיא קאלאניסטען געפינען זיך צוואר גוטע בעלי מלאכות, נאר מחמת זייערע גרויסע ליעבע צו דער ערד ארבייט האבען זייא זיך ענטזאגט פון דיא מלאכות. יעדער קאלאניסט האט א פאר אקסען, א מעלקענדיגע קוא, א פערד אדער א עזעל, פון 4 ביז 5 שאף מיט אביסעל עופות; אויך האט יעדער פון זייא, א פלוג א גאבעלי אונ נאך אנדערע כלים וואס ווערען געברויכט צו דער פעלד־ארבייט. גארטנער איז ביי זייא וועניג פערהאנדען ווייל ביי זייא איז דער עיקר דיא תבואות וועלכע געראטען וואס א יאהר בעסער. אין דער לעצטער צייט האבען זייא זיך גענומען אויך צום פיא-צוכט, ווייל אין זייער קאלאניע איז דא זעהר פיעל גראז מיט אסך וואסער.

דיא קאלאניע ראש פנה מעג האפען אויף א פיינער צוקונפט, ווייל אין איהר געפינט זיך אללעס וואס קען מאכען גליקליך א קאלאניע: פעטע ערד, פיעל וואסער, נאהנט ביים ירדן, גוטע לופט, פאסטבישטשעס פאר שאף אונ רינדער, ארטער אויף אללערלייא גארטנער אונ פלייסיגע הענד צו דער ארבייט.

עקרון.

אין צפון זייט פון יפו, אויף דרייא שעה גאנג פון איהר ליגט דיא

קאלאניע „עקרון“ אויף אגלייכען ברייטען פלאטץ אהן שום בערג, וועלכע ענטוויקעלט זיך אויף 2780 דונאם (232 2/3 דעסיאטין). צוויא גלייכע ברייטע וועגען גייען ארום פון עקרון, אייגער קיין דרום אונ דער אנדערער קיין מזרח. ארום דער קאלאניע האבען דיא קאלאניסטען געמאכט אגראבען פון אמעטער דיא טיף אונ דיא ברייט, אונ אויף ביידע זייטען פון דעם גראבען האבען זייא פארזעצט צוויא שורות קאקטוסען אונ אלויטערע געזונטע לופט שוועבט אום איבער דער גאנצער קאלאניע. דער גרינדער פון דער קאלאניע איז דער „בעיואוסטער וואהלטהעטער“, וועלכער האט זיא גיקויפט דורך ה׳ הירש פאר 60 טויזענט פראנק אונ האט זיא צוא טיילט צווישען 11 פאמיליען פון ר... אונ ה׳ מאיאל ז״ל האט זיא פארזארגט מיט אלע נייטיגע זאכען אויף דעם וואהלטהעטערס חשבון. איצט איז זיי צוגעקומען נאך 5 פאמיליען. סך הכל איז יעצט דא אין עקרון 16 פאמיליען אדער 147 נפשות. — אין דער מיט פון דער קאלאניע געפינען זיך דיא דירות פון דיא קאלאניסטען: 16 שיינע הייזער געבויט אלע אין איין פארעם; אונטער דיא הייזער זיינען דיא שטאלען פאר דיא פערד אונ איין אמבאר פאר דיא תבואות. אויך איז פערהאנדען נעבען יעדער שטוב אגארטען פון וועלכען דיא פעדערסטע זייט גייט ארויס אויף דער גאם אונ דיא אונטערסטע זייט קוקט ארויס צוא דיא פעלדער אונ איז פארזייט נאר מיט פרוכטען אליין. צווישען דיא אלע הייזער פון דעם קליינען דערפיל קוקט ארויס אגרויסע שטיינערנע געביידע, דאס איז דיא שול אין וועלכער דיא קאלאניסטען פערזאמלען זיך אלע ביי דר רוהיגער צייט צוא בעטען גאט פאר זייער וואהלטהעטער. ניט ווייט פון דער שול געפינט זיך נאך אשטיינערנע הויז אין וועלכען עס וואוינט דער אדמיניסטראטאר, דאס הויז איז אויך פר די קהל׳שע פערזאמלונגען. אין דער זייט פון דיא הייזער געפינט זיך אברונען מיט קאלט וואסער, נעבען איהם איז דיא באד מיט אמקוה. — דיא ערד איז צוא טיילט געווארען צווישען דיא קאלאניסטען נאך דיא צאל פאמיליען, איז אוים געקומען אלזא פון 150 ביז 75 דונאם אויף יעדענס חלק, אויסער דיא גערטנער מיט דיא הייזער וואס זיינען אבגיגעבען פאר יעדען קאלאניסט. צווישען דיא קאלאניסטען הערשט קיין קנאה, קיין שנאה, קיין קריג, יעדער באזונדער איז צופרידען מיט זיין חלק גוטס אונ אלע צייכענען זיך גלייך אוים מיט זייער פלייסיגקייט צו דער ארבעט. עס איז דא אונטער זייא אויך גוטע בעלי מלאכות: 3 מויערער אונ פעטשניקעס, 1 טאקאר, 2 סטאליארס אונ 2 שמוקלער, זיי באשעפטיגען זיך אבער בעסער מיט דער פעלד-ארבעט וויא מיט דיא מלאכות.

הײַנטיגעס יאהר גייען שוין ארוים אלע קאלאניסטען פון דעם וואהל-טהעטער׳ס שוטץ אונ וועלען ניט מעהר בעדארפען זיין הילף. נאר דער

גדיב אבער האט זייא ניט געוואלט ארויס לאזין אהן מתנות אונ האט גינעבען געלט יעדען קאלאניסט ער זאל זיך קויפין אנ'אקס, אקוא, שאף מיט ציגען . אונ אום זייא זאלען איהם קענען אויס צאהלין דיא חובות אין אמשך פון 20 יאהר האט ער זייא נאך צוא געקויפט איין שטיק ערד צוא דער קאלאניע אונ האט עס צווישען זייא פערטהיילט.

אט דאס איז דיא געשיכטע פון דיא זיבען קאלאניען אין ארץ ישראל אונ אט אין דעם שטאנד , וויא מיר האבען אב געמאלט, געפינען זייא זיך אין דער לעצטער צייט ; אונ וויא איהר זעהט , לעזער, שטייען זייא כמעט אלע זיבען אין איין פיינעם שטאנד . אבער נאך פיינער מאלט זיך אב זייער שטאנד אין דער שפעטערדיגער צייט ! נאך גלענצענדער שטעלט זיך פאר זייער לאגע אין דיא קינפטיגע יאהרען ! געבע גאט מיר זאלען עס נאר אלע דערלעבען ! . . .

אדעססא דען 3/15 דעצעמבער 1886

לעצטע נאכריכטען

פון דער

קאלאניזאציאן

פון דער צייט וואס דאס דאזיגע ביכעל איז דעם ערשטען מאל אפ געדרוקט געווארען ביז היינטיגען טאג — אמשך פון פיער יאהר, איז גרויסע פערענדערונגען פארגעקומען אין דער קאלאניזאציאן פאלעסטינא'ס. אונטער דעם שוטץ פון דעם וואהלטהעטער, דעם באראן ראטהשילד זיינען ארונטער געפאלען זעכס קאלאניען: ראשון לציון, זכרון יעקב, עקרון (מזכרת בתיה), ראש פנה, פתח תקוה אונ יסוד המעלה. דיא קאלאניסטען פון דיא אלע קאלאניעס זיינען פערזארגט מיט אלעם נייטהיגע אונ דיא קאלאניעס בליהען פון יאהר צוא יאהר. דיא קאלאניע ראשון לציון איז היינט איין גרויסער גארטען מיט פערשידענע פרוכט בוימער אונ וויינשטאקען. עס ארבעט זיך דארט איין גרויסער קעלער מיט איין קעלטער אויף וויין טרעטען וועלכער וועט קאסטען דעם באראן אריבער אהאלבען מיליאן פראנק. מען פערפלאנצט דארט אויך מוילבער בוימער אויף אויסהאדעווען דיא ווערמליך וואס שפינען דאס זייד אונ אספעציאליסט אין דעם זייד צוכט לערינט דיא פרויען אין דער קאלאניע וויא אזויא צוא האדעווען דיא ווערמליך.

דיא קאלאניע זכרון יעקב ווערט אויך פאר קעהרט אויף איין גרויסען גארטען אונ דורך דעם וועט דער באראן מוזען אויס האלטען דיא קאלאניסטען מיט אלעם נייטהיגע נאך היבשע עטליכע יאהרען, ביז דיא וויינשטאקען וועלען רעכט צייטיג ווערין.

אין דער קאלאניע עקרון האט מען פערפלאנצט אויף אחלק ערד אלערלייא פרוכט בוימער אונ איבער הויפט מוילבער בוימער בכדי איין צוא פיהרען אין דער קאלאניע דאס זייד צוכט. היינטיגען יאהר (תר״ן) איז אין דער דאזיגער קאלאניע אונ אויך אין ראש פנה איין גרויס געראטענעש געוועזען אויף דיא פארזייטע תבואות, אזוי אז דיא קאלאניסטען דיינקען שוין צוא פיהרען איין זעלבסטשטענדיגעס לעבען.

אין פתח תקוה בעארבעט מען געשמאק דיא גערטנער וואס דער באראן האט געהייסען פלאנצען אונ אלערלייא פרוכט אונ געווירץ בוימער ווערין דארט פאר זעצט אונטער דער השגחה פון איין פראנצאזישען גערטנער וואס דער באראן האט בכיון אראב געשיקט פון פאריז.

אין יסוד המעלה האט מען שוין אוים געבויט הייזער פאר אלע קאלאניסטען אונ אלע חודש בעקומען זייא פון דעם באראן געלדשטיצע.

דאס יאהר האט דער באראן געגרינדעט אנייע קאלאניע אין ארץ ישראל: באר טוביה (קוסטינא) אונ זעכציג יודישע יונגע לייט לערנען זיך דארט דיא ערד ארבייט. דער באראן האט אויך צוא געקויפט צוא דער קאלאניע זכרון יעקב אגרויס שטיק לאנד וועלכעס האט פריער געהייסען: עם-זשעמעל, אונ צוועלף הייזער בויען זיך דארט אויס פאר דרייסיג יונגע לייט וועלכע האבען דרייא יאהר זיך געלערענט דיא ערד ארבייט אין זכרון יעקב. אין דער דאזיגער קאלאניע בויט מען אויך אסך שטיינערנע הייזער פאר דיא קאלאניסטען. אויך איין שפיטאל מיט איין פאראוואי-מיל.

אויסער דיא זעכס קאלאניען, וועלכע זיינען שוין געשטעלט אויף איין פעסטען פונדאמענט, צוא פערדאנקען דעם וואהלטהעטער, — ווערט באלד אויך איין זיבענטע קאלאניע אויף געריכט, וועלכע ווערט געשטיצט מיט געלד מיטלען פון דיא חובבי ציון אין חוץ לארץ. גדרה הייסט דיא דאזיגע קאלאניע אונ דיא גרינדער איהרע זיינען דאס דיא געוויסע בילו-צעס וואס אויבען איז אויספיהרליך בעשריבען זייער געשיכטע.

איינענטליך וואלט דיא דאזיגע קאלאניע שוין לאנג געזיכערט געווארען, נאר צווייא וויכטיגע סבות האבען דאס ניט דערלאזט: דיא קאלאניסטען האבען ניט בעקומען צוא דער צייט דיא נייטהיגסטע געלד סומע אונ האבען ניט געהאט גענוג ערד צום אקערן. דיא צווייא סבות האבען אבגעהאלטען דיא קאלאניסטען צוא ווערין לייטען גלייך נאר היינט איז צוא האפען אז ביידע סבות וועלען אבגערוימט ווערען פון דעם וועג, אין דעם דיא חובבי ציון זענען שוין ניט מעהר דיא הענד געבונדען עפענטליך צוא זאמלען געלד פאר דער קאלאניזאציע פון פאלעסטינא.

אים 13 טען פעברואר 1890 האט דיא רוסישע רעגירונג בעשטעטיגט „אידישע פאלעסטינישע חברה" אין אדעססא, אויף אונטער שטיצען דיא קאלאניסטען אונ דיא בעלי מלאכות אונזערע וועלכע געפינען זיך אין סיריען אונ אין פאלעסטינא. לויט דיא סטאטוטען וואס דיא רעגירונג האט בעשטעטיגט האט דיא חברה דאס רעכט אויף צוא נעהמען חברים (טשלענים) וועלכע זיטצען אין אנדערע שטעט אויך, אונ אויך דיא הכנסות פון דער חברה זיינען גיט קיין בעגרעניצטע.

די עסקים פון דער חברה ווערין געפיהרט דורך א אלגעמיינע אסיפה אונ דורך אקאמיטעט. דער קאמיטעט האט זיין שטענדיג ארט אין אדעססא, ער בעשטייט פון טשלענעס, קאנדידאטען אונ איין רעוויזיאנע קאמיסיע. אים 14 טען אפריל 1890 איז אין אדעססא ערעפנעט געווארען צום ערשטען מאל דיא אלגעמיינע אסיפה אויף וועלכער עס זיינען אנגעפאהרען 161 דעלעגאטען (שלוחים) פון דיא חבבי ציון אין פערשידענע שטעט. אויף דער אסיפה האט מען אויס געקליבען טשלענעס אין דעם קאמיטעט, קאנדידאטען אונ איין

רֶעוויזְיָאנֶע קַאמִיסְיֶע. אַלְס טְשְׁלֶענֶעס זַיינֶען עֶרְוואוילְט גֶעוָוארֶען דיא הֶערְרֶען: ר׳ אברהם גרינבערג, ד״ר לעאן פינסקער, אַדְוָאקַאט ר׳ מנשה מרגלית, ה׳ בארבאש אונ ה׳ פריץ. אַלְס קַאנְדִידַאטֶען: ה׳ פישעראוויטש, ר׳ אשר גינצבורג, ה׳ ליובארסקי, ה׳ מאקס ראבינאוויטש (דֶער גֶעוויסֶער שְׁרַייבֶּער „בן-עמי״) אונ ה׳ יהושע אייזענשטאדט. אִין דֶער רֶעוויזְיָאנֶע קַאמִיסְיֶע זֶענֶען אויס גֶעקְלִיבֶּען גֶעוָוארֶען דיא הֶערְרֶען ר. שטארקמעטה, אִינְזְשֶׁענִיר וויינשטיין, אַדְוָאקַאט פיטקיס, גראנאט אונ טאָווְבִּיין.

אִים עֶנְדֶע אפריל זֶענֶען אַרויס גֶעפָאהְרֶען עֶטְלִיכֶע דֶעלֶעגַאטֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אויס צוּא קוּקֶען דיא קָאלָאנִיֶעס אונ אויס קְלַייבֶּען מֶענְטְשִׁין פַאר דֶעם יפו׳ר קָאמִיטֶעט. דיא דֶעלֶעגַאטֶען זֶענֶען גֶעוֶועזֶין: דֶער ביאלאסטאקער רב הגאון ר׳ שמואל מאהליווער, ד״ר חאזאנאוויטש, מושקאט אונ נָאךְ אַנְדֶערֶע, אונ צוּריק קוּמֶענְדִיג קַיין אדעססא הָאבֶּען זַייא דֶעם קָאמִיטֶעט אִיבֶּער גֶעגֶעבִּין דיא בֶּעסְטֶע נַאכְרִיכְטֶען פוּן דֶעם צוּשְׁטַאנְד פוּן דיא יוּדִישֶׁע קָאלָאנִיֶעס אִין פאלעסטינא אונ הָאבֶּען אויךְ אָנְגֶעווִיזֶען אויף דיא פִינְף מֶענְטְשִׁין, וֶועלְכֶע מֶען מֶעג אָנְטְרוֹיֶען דֶעם יפו׳ר קַאמִיטֶעט. דיא פִינְף מֶענְטְשִׁין זַיינֶען: דֶער גֶעוויסֶער שְׁרִיפְטְשְׁטֶעלֶער אונ טְרַייֶער חובב ציון ה׳ מיכל פינעס, ה׳ בן-טובים, ה׳ שניטקינד, אִינְזְשֶׁענִיר טעמקין אונ ה׳ אייזענבערג. אויף דֶעם דָאזִיגֶען קָאמִיטֶעט וֶועט זַיין מוּטָל: 1) נָאךְ צוּא פָארְשֶׁען דֶעם צוּא שְׁטַאנְד פוּן דיא קָאלָאנִיֶעס אִין סיריען אונ אִין פאלעסטינא אונ דֶעם שְׁטַאנְד פוּן דיא יוּדִישֶׁע אַקֶערְבּוֹיֶער אונ בַּעֲלֵי מְלָאכוֹת; 2) אוּנְטֶער צוּא שְׁטִיצֶען דיא קָאלָאנִיֶעס אונ אויךְ אֵיינְצֶעלֶענְדֶע אַקֶערְבּוֹיֶער אָדֶער בַּעֲלֵי מְלָאכוֹת וֶועלְכֶע וֶועלִין זִיךְ נֵייטְהִיגֶען אִין הִילְף אונ עֶנְטְוֶועדֶער דיא גֶעלְדְשְׁטִיצֶע וֶועט זַייא זַיין גִישֵׁיינְקְט אָדֶער נָאר אַיין הַלְוָאָה אויף אַיין גֶעוויסֶער צַייט, לוֹיט דֶער אדעססער קָאמִיטֶעט וֶועט בֶּעשְׁלִיסֶען; 3) צוּא צַייגֶען דיא קָאלָאנִיסְטֶען אונ בַּעֲלֵי מְלָאכוֹת אַיין מָארַאלִישֶׁע הִילְף, זִיךְ סְטַארֶען פִיר זַייעֶרְט וֶועגֶין בַּייא דיא אֶרְטְלִיכֶע (מְיֶעסְטְנִי) פְּרִיסוּטְסְטְוִיִם; אונ: 4) צוּא צוּא שִׁיקֶען אַלֶע דְרַייא חֳדָשִׁים דֶעם אדעססער קָאמִיטֶעט אַיין חֶשְׁבּוֹן פוּן אַלֶע זַייעֶרֶע אויפְטְהוּעֶכְטְסֶען אִין דֶער צַייט, אָנְצְווַייזֶען אויף וָואס עֶס אִיז אויס גִינֶעבֶּען גֶעוָוארֶען אִין דֶער צַייט פַאר דיא קָאלָאנִיֶעס, אֵיינְצִינֶע אַקֶערְבּוֹיֶער אונ בַּעֲלֵי מְלָאכוֹת אונ דַאבַּייא אויךְ עֶרְקְלֶערִין וָואס דיא קָאלָאנִיֶעס פָארְדֶערְן אונ וָואס זַייא פֶעלְט.

אָט דָאס אַלֶעס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אִין דיא לֶעצְטֶע פִיעֶר יָאהר אונ מִיט פְרֵיידֶע פֶערְצֵייכֶנֶען מִיר דָאס אִין אוּנְזֶער בִּיכֶעל. גֶעבֶּע גָאט דָאס אִין גִיכֶען זָאלֶען מִיר זוֹכֶה זַיין נָאךְ מֶעהְרֶער אונ פְרֵיילִיכֶערֶע בְּשׂוּרוֹת צוּא הֶערֶען פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶען לַאנְד, וֶועלְכֶעס אִיז אִין דיא לֶעצְטֶע יָאהְרֶען גֶעוָוארֶען בַּייא אַיין גְרוֹיסֶען טְהַייל פוּן אוּנְזֶער פָאלְק דֶער אִידֶעאַל אִין אוּנְזֶער לֶעבֶּען!

אדעססא, ט״ז תמוז תר״ן.

א״ק

דיא נייע קאלאניען.

קוסטינא (באר טוביה).

אין יאהר תרמ״ט האט דער בעוואוסטער וואהלטהעטער, דער באראן ראטהשילד פון פאריז געוואלט גרינדען א קאלאניע פאר איינינע בעססאראבער יודישע פאמיליען וועלכע האבין איהם אריינגעליינט צו טויזענד רובל אין חלק אריין. צו דעם צוועק האט ער אבגעקויפט דאס דארף קוסטינא וועלכעס האט 600 דעסיאטין אקערערד. נאר טהייל פון דיא פאמיליען האבין באלד חרטה געקריגין אונ האבין אבגענומען זייער געלד, נאר אכט פאמיליען פון זייא האבין זיך דארט אבגעשטעלט אונ זיטצען דארט עד היום. יעצט וואהנען דארט נאך 30 יודישע יונגע לייט טאגלאהנער, וועלכע וועלין נאך 3 יאהר בעקומען זייערע חלקים ערד אין דער קאלאניע. דיא קאלאניע האט 20 הייזער, א חדר אונ 2 ברונען. א חלק ערד פון דארט געהערט איין אדעססער פריוואט חברה, מיט וועלכע דער באראן האט זיך געביטען: ער האט ביי זייא צוגענומען זייער חלק ערד אין יסוד המעלה אונ האט זייא אבגעגעבין אנדערע אין קוסטינא.

רחובות (דוראן).

דאס דארף דוראן איז געקויפט געווארין פון ה׳ יהושע חנקין אום ווינטער תר״ן אויף צוא מאכען מיט דעם אמסחר אונ 60 יודישע פאמיליען פון פערשיעדענע שטעדט אין רוסלאנד האבען דארט געקויפט חלקים ערד פאר זיך. די קאלאניע האט טויזענד דעסיאטין ערד, זיא געפינט זיך אין דעם חלק יהודה, א האלבע שעה גאנג פון עקרון, $3/4$ שעה פון גדרה, $1\,1/4$ שעה פון ראשון-לציון אונ 2 שעה פון יפו. דערווייל איז שוין דארט אויסגעבויט 15 הייזער מיט א וואלוועלע קיך פאר דיא ארבייטער.

משמר-הירדן (מירון).

נאך אין יאהר תרמ״ה האט א געוויסער ר׳ מרדכי לובאווסקי געקויפט א שטיק פעלד ביי׳ם ירדן נעבען „יעקב׳ס בריק", וועלכעס האט געהערט דיא אראבער פון דעם דארף מירון. ווייל אבער ה׳ ליבאווסקי האט ניט געהאט קיין פאמיליע, האט ער זיך נישט געקאנט באזעטצען אויף זיין נייעם גוט, אונ דיא ערד פון דארט איז געבליבען עטליכע יאהר ניט בעארבייט. איינינע יונגע קאלאניסטען פון יסוד המעלה וואס פערשטעהען גוט דיא ערדארבייט, האבין געווארפין א אויג אויף דער נייע קאלאניע, וועלכע געפינט זיך א פערטעל שעה רייזע פון יסוד המעלה אונ דא ניט לאנג האבין זייא זיא אבגעקויפט ביי ר׳ מרדכי ליבאווסקי פאר 16 טויזענד פראנק אויף 8 יאהר אויסצוצאהלען. געקויפט האבען זייא אויף דעם נאמען פון א קאלאניסט אין ראש פנה, ר׳ דוד שר״ב. מען האט אויס געמאסטין דיא ערד, האלט זיא 2000 מיט עטליכע

הונדערט

הונדערט דונאם, אדער מעהר פון 200 דעסיאטין. דיא ערד איז גוט פאר תבואה אונ פאר ווייןגערטנער. אין מזרח־זייט ביי'ם ירדן ציהט זיא זיך אבארג ארויף, אויף א צעהן העקטאר דיא ליינג, אונ דארט האט מען בדעה צו פלאנצין א גרויסען גארטין פון אתרוגים, ווייל דאס פלאטץ איז ביי'ם ירדן וואו עס וועט ניט פעהלען קיין וואסער; ווייטער ציהט זיא זיך אוועק אין א גלייכען פלאטץ אויף נידעריגע געגענדען וואו די קאלאניע איז געגרינדעט. די נייע קאלאניסטען, וועלכע בעשטעהען פון 10 פאמיליען, האבין צוטהיילט די ערד אויף 24 חלקים, יעדער חלק פון 10 דעסיאטין, אונ האבען אטהייל ערד פערקויפט פאר נאך אנדערע פאמיליען. לעת עתה איז דא אויפגעבויעט 10 הייזער אין צוויי שורות, צו צעהן מעטר ווייט פון איין הויז צום אנדערן, אונ ביי יעדען הויז איז צו צוויי גערטנער געפלאנצט: פון פארענט איז דער בלומענגארטען אונ אונטען — א סאד פון אלערלייא פרוכטען אונ גרינוואַרג. ארויף צו מערב-זייט וועלען זיין דיא ווייןגערטנער, דערווייל איז שוין פערפלאנצט געווארין 2500 ווינשטאקען.

ביתר (חודערא).

אויך דיא קאלאניע האט ה' חנקין געקויפט אויף א ספעקולאציע, אונ פערשיידענע בעלי בתים האבין דארט געקויפט חלקים ערד. דיא קאלאניע האט 3000 דעסיאטין ערד. זיא ליגט אין דעם עמק השרון, אין דעם אראבישען דארף חודערא, צווייא שעה פון זכרון יעקב, אשעה פון דער בעוואוקסטער שטאדט „ביתר" אונ זעקס שעה פון יפו. זיא איז ניט ווייט פון דעם ים אונ האט נאך א טייך פון פיש וועלכער הייסט „נחל קנה". דיא צאהל פאמיליען וועלין דארט באטרעפען געגען א 200, דאס זיינען חברות פון ווילנא, ריגא, קאוונא, סובאלק, אונ אויך איינציגע מענטשין פון אלע עקען רוסלאנד. דער ווייל איז דארט פערפלאנצט געווארין געגען 80 טויזענד ווייןשטאקען פון פיער קאלאניסטען אונ נאך א 40 טויזענד וועט מען דאס יאהר (תרנ"א) פארפלאנצען.